STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03000

www.libtool.com.cn

# MAYNE HARTSIGE GEZANGEN

Aaron Jacob Krisofsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
www.libtool.com.cn
AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*

*Arie & Ida Crown Memorial*

*The Seymour Grubman Family*

*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*

*Max Palevsky*

*Robert Price*

*Righteous Persons Foundation*

*Leif D. Rosenblatt*

*Sarah and Ben Torchinsky*

*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

www.libtool.com.cn

א. י. קריזאָווסקי

# מיינע הארציגע געזאנגען

ליעדער-בוך

ערשטער באנד

ארויסגעגעבען פון
ארט פּאָבלישינג קאָ.
130 הענרי סטריט, ניו יאָרק

www.libtool.com.cn

COPYRIGHT
by
A. J. KRISOFSKY
(all rights reserved)

www.libtool.com.cn

דורך שווארצע זיבען יאהר — א, שווארצע זיבען !...
האב איך א רויטען ליעדער־בוך געשריבען;
מיט בלוט פון הארצען — א מתנה
מיין שעהנע מירעלען

www.libtool.com.cn

www.libtool.com.cn

I

www.libtool.com.cn

# אין צייט פון ,,בלעטער־פאלען''

די זון האָט אזוי טרוי׳ריג־שטיל אַראָבגעשטראַהלט אויף אונזער וועלט ; —
אַ מאַמע, דאַכט זיך, זאָגט די קינדער איהר צואה פאַר׳ן שטאַרבען..
די בוימער שטעהען ווי אבלים, מיט אַראָבגעלאָזטע קעפ,
די גוטע מאַמע גלעט זיי האַרציג און געהט אוים אין ראָזע פאַרבען — — —

אַ יונג־פרוי איז פון זונען־אונטערגאַנג בעשטראַהלט ווי שוועבענדיג,
אַ שטאָלצע, שלאַנקע, מאַיעסטעטיש דאָ אין פאַרק היינט דורכגעגאַנגען.
האָט מיך בעלויכטען מיט איהר בליק, אַ ציטריג הינטער־טראָט געטהאָן — — —
ס׳האָט צווישען מענשען זיך מיין האַרץ וו׳אַ טויב געצאַפּעלט צווישען שלאַנגען ! —

איז אָבגעגאַנגען צוויי־דריי טריט, האָט אָבגעקעהרט איהר שטאָלצען קאָפּ,
מיט אויגען בענקענד ווי דער זונען־אונטערגאַנג, צו מיר אַהינטער,
דורך איהרע זונען־אויגען האָט איהר וואונדיג האַרץ געמאַניעט שטיל: —
„... מיין לעצטער פריהלינג האָט פערבליהט; ס׳קומט ווי דער טוידט אָן באַלד
דער ווינטער..״

די קינדער־ליפּען האָבען שטיל געפליסטערט : „אָדלער מיינער דו !
איך בין אָהן דיר אַ יונגע רויז, וואָס שטיל געהט אוים אָהן טהוי, אָהן שטראַהלען. —
ווי שטאַרק דער דורשט צום לעבען איז אין שטראַהלען־טעג ביים גוסס׳ען,—
נאָך שטאַרקער דורשט מיין האַרץ נאָך דיר, אין נעבעל־נעכט פון „בלעטער־פאַלען״...

וו׳אַ פריהלינג־טרוים אין שפּעטען הערבסט, האָט זי אַ שטראַהל געטהאָן פאַר מיר.
פאַרביי־געשוועבט מיך אייזאַמען און מיט דער זון איז זי פערגאַנגען...
דער הימעל איז געוואָרען שוואַרץ — — — אָט־אָט — אַ בליץ צינדט אָן די
וועלט — — —
אַ שטורעם? — — ניין! דאָס קראַכט מיין האַרץ מיט טויזענד פייערדיגע
שלאַנגען — — —

www.libtool.com.cn

## אין דער פרעמדער שטאָדט

די שטאָדט איז אַזוי פרעמד און גרויס,
די גאַס — פון מענשען־כוואַליעס שוואַרץ;
מיין הארץ קלאַפּט אַן אין יעדעם הויז:
„איז אפשר דאָ „מיין־קרוין־מיין־האַרץ ?" — — —

מיר בלאָנדזשען אין דער פרעמדער שטאָדט,
ווי קינדער אין אַ ווילדען וואַלד...
צי וועל'ן מיר טרעפען זיך? ווייס גאָט! — :
אָך אפשר יא? — : צובראָכען, אַלט — — —

*   *
*

אַ זוניגע, אַ ליבטע, אַזאַ גוטע,
האָט דיך מיין דמיון אויסגעמאָהלט; —
דו שיינסט און שמייכעלסט ווי די זון און מאָהנסט ניט,
ווי ס'מאָהנט די זון ניט — קיין געצאָהלט...

דו ביזט געבאָרען ווי די זון צו ליכטען —
שיינסט ערגעץ וואו אויף אונזער וועלט...
נאָר ווי די זון אין הערבסט מיט שוואַרצע וואָלקענס
ביזטו פאַר מיר — פאַר מיר פערשטעלט...
און איך געה אוים ווי אַ ליכט אין שוואַרצע שאָטענס — —
און איך געה אוים אָהן דיר פאַר קעלט!...

www.libtool.com.cn

## סערענאדע

ערבארעם זיך.
ערבארעם זיך אויף מיר, מיין גוטע כלה־שוועסטער; —
א מאל — געוועזן דיין שטאלצער, יונגער אדלער,
איצט — א בעטלער שטעה איך ביי דיין טהיר,
פון לאנגען וואגלען אויף דער ערד דער פרעמדער
בין איך געקומען איצט צוריק צו דיר...
עמפפאנג מיך, ווי אין יענע יוגענד־טעג,
אין אונזער מאמעס צעלט צוזאמען,
דריק מיר מיין האנד נאך זעליגער, נאך פעסטער,
וו׳אין יענע פריהלינג־נעכט, מיין כלה־שוועסטער...

אומארעם מיך.
אומארעם מיך, מיין טרייע, גוטע כלה־שוועסטער, —
א זינדיגער שטעה איך פאר דיר געבויגען, —
אהה, ווי ס׳איז מיין יונגע וועלט מיר שווארץ!
בעשטראף נישט פאר דעם אדלער׳ס זינד דעם בעטלער,
בעשטראף נישט מיין צולאזען קינדיש הארץ,
עס וויינט מיין יתום־הארץ נאך דיינם, —
ווי נאך א צארטער, גוטער מאמען.
נעהם מיך ארום נאך הארציגער, נאך פעסטער,
וו׳אין יענע זומער־נעכט, מיין כלה־שוועסטער...

דערוואַרים מיך.
דערוואַרים מיך, מיין טרייע, צארטע כלה־שוועסטער, —
עס האבען הארצלאזע מיין הארץ צובראכען,
עס האבען פרעמדע זיך דערמיט געשפּיעלט,
די ווינטער־הערצער אין מיין הארץ געוואַרימט.
איצט איז מיין הארץ, — דיין ליעבע־קוואל, — פערקיהלט...
דערוואַרים עס מיט דיינע אויגען צוויי, —
די הארציגע נשמה־פלאמען.
דריק צו מיין הארץ צו דיינם נאך פעסטער, פעסטער,
וו׳אין יענע ווינטער־נעכט, מיין כלה־שוועסטער...

www.libtool.com.cn

# אין זומער נעכט

.1

עס האָט די לבנה, אַזוי ווי אַ פרומע,
אַ בלאַסע, פון הימעל, פער'גנב'עט געקוקט...
און צווישען די בוימער, וואָס האָבען געגעבען
זיך „שלום", דאָס פּנים אַליץ נעהנטער גערוקט...

עס האָבען די בוימער געקושט זיך, זיך עפּעס
פערדעכטיג געסוד'עט, אויף בוימעריש־שפּראַך...
און מיר האָבען ביידע געקושט און געהאַלזט זיך
פריי אונטער'ן הימעל — דעם ערדישען דאַך...

דו האָסט דיך בעהאַלטען טיעף צווישען די בוימער,
איך האָב דיך געפונען... האָסט גליקליך געלאַכט...

— — — — — — — — — — — —

כ'וועל אייביג אייך דאַנקען: די צווייגען, די בלעטער
און דיר, פאַר דעם גליק, וואָס דו האָסט מיר געבראַכט...

ס'איז געקומען דער גראָהער פאַרטאָג ווי אַ זיידע
אין וואַלד; אָך, פאַר בענקשאַפט אין הארץ האָט געקלעמט...
עס האָט די לבנה זיך ערגעץ בעהאַלטען: —
האָסט קינדיש געפרעגט: „יא, זי האָט זיך פערשעהמט?"...

.2

מיט בלומען בעגאָלדעט געווען איז די לאַנקע
מיט ריחות פון קרייטער און פאַרבען־שפּיעל רייך...
פלעגסט שושקען אין אויער מיר... וואָס? — — איך ווייס אויך ניט — —
האָסט קינדיש געפּלאַפּעלט, אַזוי ווי דער טייך — — —

האָסט אין זוניג־בעגאָלדעטעס פעלד מיך בעגעגענט,
שטיל. שטיל האָט פערשפּרייט איהרע פליגעל די נאַכט,
האָב איך דיר מיין ציטריגע הארציגסטע ליעבע
און קרענץ ווייסע ציטריגע ליליען געבראַכט...

אויף מאָרגען בין איך צו דיין פענסטער געקומען
פאַרהאַנגען!... פערשלאָסען געווען איז דיין טהיר! — — —

— — — — — — — — — — — —

עס ליגען אין דרויסען געשענדעט די ליליען. —
אַזוי ווי מיין ליעבע אין הארצען ביי דיר! — — —

www.libtool.com.cn

## „שטערן־שטיפּער׳ל“, „לבנה־נאַכט“...

ס׳האָט אונז געצערטעלט אין איהר אָרעם ליעב
ווייך־מוטערליך „לבנה־נאַכט“
און איבער אונז האָט שטאָלצער „איכען־בוים“
אונז פאָטערליך פון בייז בעוואַכט.

געשיינט האָט העל אין אונזער צווילינג־האַרץ,
ווי ג׳רוהט וואָלט דאָרט „לבנה־נאַכט“,
מיט ווערטלעך גאָלדענע האָב איך געשפּיעלט,
און זילבער־העל — האָט „זי“ געלאַכט.

ס׳האָט „שטערן־שטיפּערעל“ אַ סוד פערטרויט
„לבנה־קעניגין“ פון הימעל־פּראַכט,
האָט׳ס „ווינטעל“ אויפגעכאַפּט, צום בוים פערטרויט,
האָב׳ן „בלעטעלעך“ עס אויסגעלאַכט...

מיין מיעדען קאָפּ האָט „זי“ געטוליעט ווייך
צום ברוסטען־פּאָר — צום מיידעל־פּראַכט,
מיך איינגעוועבט אין איהרע זיידען־האָר,
די שוואַרצע — ווי סוף־חודש־נאַכט.

מיין בליק אין איהרען האָט געבאָדען זיך,
ס׳האָט גליק־דורשטיג מיין האַרץ געטראַכט: —
איהר בלאַם געזיכט — ס׳איז מיין לבנה־שיין,
איהר אויגען־פּאָר — מיין שטערן־נאַכט...

---

www.libtool.com.cn

## בים אויוועלע

(פאָלקסטימליך.)

דו ביזט געוועזען יונג און שעהן און שטיפעריש
און האָסט מיט דיינע ווייסע, קליינע הענטעלעך,
אַרום מיין האַלז דיך ווי א קינד אַרומגעקלאַמערט...
איז אויך מיין האַרץ געוואָרען יונג און שטיפעריש... —
ס'איז שיער אַרויסגעשפרונגען פון די ווענדטעלעך...
אוי וועה! ווי ס'האָט געצאַפּעלט זיך, ווי ס'האָט געהאַמערט! — — —

אין דרויסען, האָט דער ביוזער, ווייסער פראָסט געקנאַקט —
אין אויוועלע — די ליעבע רויטע שלענגעלעך...
וואָס מעהרער ס'האָט אין אונזער חדר'ל געטינקעלט —
אַלץ העלער האָבען דיינע אויגען צוויי געפינקעלט...

ווי וואַרים גוט עס איז געוועזען דאָס אויוועלע : —
וו'אַ מאַמע פריינדליך־גוט האָט עס אונז איינגעלאַדען :
„...קומט נעהנטער, קינדערלעך... אַי, איז דאָ גוט און וואַרים!..
נו, — האָבען מיר אונז גאָר פערגעסען, — קינדערלעך,
אָן זיידעס־באָבעס, אָן דער מאַמען, אָן דעם טאַטען, —
ווי יונגע טייבעלעך פערפלאָכטען זיך אין אָרעם...

עס האָבען העל די פייער־שלאַנגען אָבגעשיינט
אין דיינע אויגען. און צו גליק מיר איינגערעדט.
נישט פאָלגען זיי, די שלאַנגען אין די אויגען דיינע?
ס'וואָלט זיין אַ זינד — אַז דו וואָלסט ניט געוואָרען מיינע!...

www.libtool.com.cn

## דו ביזט די...

דו ביזט די, וואָס ס׳האָט מיין יונגשאַפט
דיך ביז אַלטקייט ניט געפונען... —
דו ביזט די, וואָס ס׳האָט מיין בענקשאַפט,
פון מיין חלום־שטראַהל געשפונען...

צום בעשאַפען דיך, מיין טרוים־קינד,
האָט מיין יונגשאַפט־טרוים ענטליהען
ווייסקייט, צאַרטקייט אין דעם ריח
פון די ליליען ווען זיי בליהען...

דיינע תאוה־זיסע אויגען,
שטראַהלען, וואַרימען, ווי זונען
זאַלבט דיין זון־שטראַהל אין מיין האַרצען. —
ווערט דאָרט שטאַרקער ווייַן צורונען!...

דיינע ליליען־ווייסע אָרעמס
זיי דערמאָהנען: — שוואַנען פליהען...
און דיין אָדלער־נאָז — דיין שטאָלצקייט.
צווינגט מיין האַרץ פאַר דיר צו קניהען...

דיינע קאַרשען־רויטע ליפען,
זיינען שעהנער איידער קרעלען; —
ווען זיי קושען, הויבט אין האַרצען
אַ פריהמאָרגען אָן צו העלען...

דיינע ראָבען־שוואַרצע קרויזען,
אויף דיין קלאָהרען, קלוגען שטערען,
זיי דערמאָהנען אָן די וואָלקען,
איידער ס׳דאַרף אַ שטורעם ווערען.....

www.libtool.com.cn

זיסער, ווייבער קלינגט דיין שטימע,
ווי אין וואַלד דעם פויגעל'ס טרעלען;
זינגסטו מיינע ליעבע ליעדער,
הויבט אין הארץ אַ קוואַל אַן קוועלען...

און דיין שמייכעל זים דערמאָהנט מיר,
אין דעם פריהלינגס מאָרגען־שטערען...
ס'ווערט פאַר צופיעל גליק פונ'ם שמייכעל,
איבערפילט מיין הארץ ביז טרעהרען...

דיינע ליליען־ווייסע ברוסטען,
זיי דערמאָהנען ווייסע טויבען;
טוליעסטו זיי צו מיין ברוסט צו,
נעהמט מיין הארץ וו'אַ טויב זיך הויבען...

ס'איז מיט דיר די ערד מיר הימליש,
כ'דאַרף נישט מעהר קיין גאָט דאָרט אויבען; —
דו ביזט עס מיין גאָט, פאַר וועמען
ס'קלאַפּט מיין ציטריג הארץ מיט גלויבען — — —

## מיין שטיפעריין

ביזטו עס אַ שטיפעריין! ווילסט פּרואווען מיין ליעבע,
נו, מאַכסטו זיך „ברוגז" — „דו טראָגסט אַ פּערדרוס!"
און איך, בלומר'שט קום זיך צו דיר „איבערבעטען" —
פערלעשען דיין „בעס" מיט מיין ברענענדען קוס...

---

גו, וויפיעל ז'דער שיעור אַלץ צו שפּיעלען אין „ברוגז"?
דו שפּיעלסט אַזוי קונסטליך! אוי — ס'הארץ ווערט מיר שווער!
דו ביזט אַזאַ שלעכטע: דו מאַכסט מיר צום וויינען!
נאָר, ביזט אַזאַ גוטע: — דו קושט אוים מיין טרעהר — — —

www.libtool.com.cn

*  *
*

ריין ווי אונזער יונגע ליעבע,
איז דער העלער, בלאָהער הימעל
שעהן פערחלום'ט בליהט מיין שטיפ'רין —
שעהן פער'חלום'ט בליהט אַ בלימעל...

---

שעהן, ווי אונזערע חלומות,
אַ קאָשמאַר פון פינטלעך דרעהט זיך...
בלאָהע, ראָזע, פון דער נידער
ביז צום הימעל הויך פערשפּרייט זיך...

---

אַ פערבענקטע, ווי מיין שטיפ'רין,
איז די זון אין וואַלד פערגאַנגען —
שטיל פערכשופ'ט שוויגט די ווייטקייט
פאַר דער נאַכטיגאַל'ס געזאַנגען...

---

אָט, — מיליאָנען שעהנע ליכטלעך
האָט דער הימעל אָנגעצונדען
ששאַ; — דער גראָהער בין־השמשות
ווערט אין שוואַרצען טיעף פערשוואונדען...

---

איהרע אויגען — מיינע שטערען
צינדען אָן מיין האַרץ ווי פלאַמען,
ניט צוויי הערצער זיינען אונז'רע —
נאָר איין צווילינג־האַרץ צוזאַמען — — —

---

ס'האָט דער הימעל זיינע שטערען
איינציג־איינציגווייז פערלאָרען...
ס'איז אַ זונען־טאָג געקומען
דאַך, אין האַרץ — איז קאַלט געוואָרען — — —

www.libtool.com.cn

## מיין שטעדטעלע

מיט טרעהרען פיעל, דערמאָהן איך דיר,
מיין ליטוויש שטעדטעלע, —
מיין אָבגעקלאַפּטעס, געלינקעס,
הושענה־בלעטעלע ; —

איך בענק, איך בענק ; — דו האָסט פערמאָגט
אַ שעהנעס מיידעלע ;...
אַזוי ווי היינט געדענק איך זי :
אין ווייסען קליידעלע ;

מיט גוטע שוואַרצע אויגעלעך,
אַ לאָקען קעפּעלע...
ווי בלומען, ראָזע בעקעלעך,
אַ שוואַרצעס צעפּעלע...

פלעגט זי צו מיר שטיל קומען, זיך
פון שטוב אָב׳גנב׳ענדיג...
דער גוטער מאַמען נאַרענדיג,
דעם טאַטען חנפ׳ענדיג...

ביז שפּעט ביי נאַכט דאָרט זיצענדיג,
מיר פלעגען סוד׳ען זיך...
מיין האַרץ אין ברוסט פלעגט צאַפּלען זיך,
איהר ברוסט — פלעגט הוידען זיך — — —

www.libtool.com.cn

# אויף דיין פענסטער

אויף דיין הויכען, שעהן מיט בלומען אויסגעציערטען פענסטער
הענגען שטענדיג מיינע אַדלער־ווייטזיכטיגע אויגען, —
האָב איך היינט געזעהן, דיין שעהנער, בלענדענד־ווייסער אָרעם,
האָט זיך האַרציג־שעהן בעוועגט וו'אַ שוואנען־האַלז געבויגען....

האָסט אַ מיידעלע, מיט רויטען באַנד די האָר פערפלאָכטען.
אָ, מיין גאָט! מיט וויפיעל קינדיש־האַרציגער נחמה,
ס'האָט דאָס קינד געקוקט אין דיינע זיסע טויבען־אויגען...
גאָט! אָ, מיר זאָל זיין פאַר איהר ריין־כשר'ע נשמה!...

כ'האָב פאַר גליק געוויינט... אייך ביידען צאַרט אַרומגענומען...
(בלויז אין דער פאַנטאַזיע... גאָט זאָל מיר די זינד פערגעבען...)
כ'האָב געטרוימט: דאָס קינד איז אונזערס, — צערטעלט עס די „מאַמע"
און דער יונגער „טאַטע", קוועלט פאַר נחת אָן דערנעבען — — —

* * *

מיין וואונדיג האַרץ געהערט צו דיר.
דו זעהסט עס קלאָהר דורך מיינע שוואַרצע אויגען,
זייט ס'ערשטע מאָל, ווען דו האָסט זיך
פון פענסטער שלאַנגיש־שעהן אַרויסגעבויגען...

דו האָסט דיין בליק צו מיר געשיקט,
עס האָט וו'אַ סאַמעט־פייל אין ציעל געטראָפען,
מיין האַרץ פערוואונדעט... האָסט געזיעגט;
יעצט קען מיין וואונדיג יונגעל־האַרץ נישט שלאָפען...

און שטענדיג וואַכט עס אַלץ און וואַכט
הויך אויף דיין בלומען־פענסטער אויפגעהאַנגען,
עס צאַפּעלט זיך, וו'אַ טויב ביי נאַכט,
ווען ס'האָט די נאַכט־אײלע זיין „זי" געפאַנגען...

www.libtool.com.cn

## אַ קוואַל איז דער הימעל

אַ קוואַל איז דער הימעל,
אַ קוואַל איז מיין האַרץ.
און ביידע זיי טראָגען
דער וועלט'ס טיעפען שמאַרץ...
און ביידע זיי בענקען,
נאָך שענקייט, נאָך שטערען;
און ביידע זיי קלאָגען, —
זיי גיסען מיט טרעהרען...
און הערסטו אַ זיפץ ווען,
אַ דונער, אַ קנאַל? —
— דאָס געהען אַריבער
די ברעגעס פון קוואַל!...

## אַ דאַנק.

אַ דאַנק דיר, גאָט,
פאַר דיין גענאָד,
וואָס דו'סט געמאַכט
דעם טאָג און נאַכט,
וואָס דו האָסט שעהן
געמאַכט די ערד,
מיט איהרע שעהנסטע
רונדגליעדערדיגע
מינים צוויי:
פרויען רייצענדע
און פערד.

www.libtool.com.cn

## די אדלער־אויגיגע

הײנט קומט די נאַכט —
די נאַכט די לאַנג ערוואַרטעטע,
װען איך װעל דיך, מײן יוגענד־טרױם,
אַלס װירקליכע בעגעגענען...
איך װעל צו גאָט —
צו גאָט אין הימעל תפלה טהאָן,
ס׳זאָל לױטער זײן דער הימעל־רױם, —
ס׳זאָל לכבוד אונז נישט רעגענען...
און דו אױך, דו! —
דו זאָלסט זיך נישט פערגרעסען נאָר
צו זײן אָט יענע ריכטיגע,
די שלאַנקע, יענע בױגיגע; —
די שטיפעריין —
די שמײכעלדיגע האַרציגע;
די — מיט די אױגען ליכטיגע; —
די שטאָלצע אָדלער־אױגיגע...

## מײן האַרץ און דער ים

זעהסט, קינד, װי עס ברױזט, װי עס שטורעמט דער ים
דאָס צאַפּעלט, דאָס שטורעמט צום הימעל זײן האַרץ!

ער בענקט נאָך די שטערען און קרעכצט פאַר גרױס װעה,
נאָך זײ, װאָס זײן האַרץ איז אַ שפּיעגעל פאַר זײ!

און הערסטו עס שטורעמט, עס יאָמערט מײן ליעד?—
דאָס שטורעמט פאַר בענקען מײן האַרץ, װי דער ים! —

מײן האַרץ, װאו פלעגסט שפּיעגלען מײן שטערן — דײן בליק,
נאָר ס׳קומט ניט דײן בליק אין מײן האַרצען צוריק!...

www.libtool.com.cn

## וואו ביסטו? —

עס פרעגט מיין פערוואונדעטעס הארץ: אָ, וואו ביסטו,
ליעב אידישעס מיידעל, מיין צאַרט־ריינע ליליע, —
וואָס ס׳האָט דיך מיין טרוים פון מיין יונגשאַפט געשאַפען,
אין פריהלינג־פאַרנאַכטען, וואו שטיל פליסט די ווילִיע?...

האָסט שטיפערישׂ־ווילד, ווי אַ הערשין אַ יונגע,
ארויף און אַראָב פון די בערגער געשפרונגען,
געוועגדעט צו מיר דיינע שניי־ווייסע אָרעמס,
האָסט גליקליך פון אייביגער ליעבע געזונגען...

די לאָקען צולאָזט אויף דיין ראָז־ווייסען נאַקען,
אַ לאָק — אַ שוואַרץ־זיידענס געקרייזעלטעס בלימעל...
און אויסגעזעהן האָט עס: אַזוי ווי דער וואַלד דאָרט
ביים ראַנד פון פאַרנאַכטיגען ראָז־בלאַסען הימעל...

דער ראָזער פאַרנאַכט האָט פון הינטער ן וואַלד דיך
פאַנטאַסטיש אין כוואַליעס פון רויט־ווײַן געטונקען...
דיין ברוסט האָט געוויסט זיך, דיין קאָפּ האָט געשוואַרצט זיך
אינ׳ם רויט־וויין ; — מיין אויג האָט דעם רויט־וויין געטרונקען. —

עס האָט זיך דיין האַרץ מיט די בערגער געזעגנט,
דורך אויגען פערטרוימטע, וואָס שטראַהלען פאַר מילדקייט...
מיט קושען געצערטעלט האָסט וויך מיינע אויגען,
געדריקט מיך צום ברוסט מיט דיין צערטליכער ווילדקייט...

דיין ווייבליכעס ליעב האָט געשמעקט ווי ראָמאַשקעס,
וואָס בליהען גינגאָלדיג אויף שטעכיגע קוסטעס, —
נאָר ס׳האַרץ — וואָס פערוואונדעט ס׳ווערט מעהר פון די שטאַכלען,
די בלומען צו שמעקען אַלין מעהרער געלוסט עס — — — —

www.libtool.com.cn

שוין לאַנג.. נאָר זײַט דאַמאָלסט מיין בלאַסע, פערבענקטע,
פון אָווענד, ווען איינזאַם כ'לויף אום אין מיין צימער —
און וואו נאָר איך בלאָנדזשע: אויף פעלדער, אין וועלדער,
דיין שטימע ווייט, ווייט... הער איך קלאָגענדיג אימער...

אומעדום אַלץ דאָס זעלבע: עס טרויערט דיין שטימע; —
נאָך דאַן ביי די גמרא אין קלויז ביי מיין שטענדער —
און וואו נאָר איך וואָגעל, געיאָגט פון מיין שיקזאַל:
אויף ים'ען, אויף טייכען, דורך פרעמד־ווייטע לענדער — — —

---

אַ גראָהען פאַרטאָג, האָט דער נעבעל געבאָרען,
ס'איז עמיץ געהיימספול צום פענסטער געקומען: —
אַ ביקס אויף זיין אַקסעל... אַ שווערד... ס'קלינגען שפּאָרען..
געהיים שרעקט זיין שטים: „ביסט אין זעלנער גענומען" — — —

און זינגענדיג ליעדער פון בלוטען און ווערגען, —
אינ'ם הויכען פיעל־שטאָקיגען קאַלך־ווייסען מויער; —
אויך דאָ אינ'ם פאַרנאַכט פון די זעלנער־געזאַנגען,
קלינגט העכער פון אַלע דיין בענקשאַפט, דיין טרויער...

---

עס פרעגט מיין פערוואונדעטעס האַרץ: אָ, וואו ביסטו,
ליעב אידישעס מיידעל — מיין צאַרט־ריינע ליליע, —
וואָס ס'האָט דיך געשאפען מיין טרוים פון מיין יונגשאַפט,
אין מיין עלענד־היים ליטא, וואו שטיל פליסט די ווילי? —

פיליכט האָט געבלוטעט דיין האַרצען די שנאה,
וואָס וואַקסט אויף דער וועלטס אונגעאַקערטע בייטען —
און ס'האָט זיך דיין האַרצען פארבענקט — זייען ליעבע,
בעציערען דער וועלט זאָל דיין ליעבע ווי קוויטען? —

www.libtool.com.cn

האָסטו ווי אַ שוועסטער מיט טרעהרען גערופען:
„עס זאָל ניט דערווערגען איין ברודער דעם צווייטען"...
און מ'האָט דיך דערפאַר אין דעם שלאָס, ביי דער ווילי ע,
דאָרט איינזאַם, מיין בלאַסע, געשלאָסען אין קייטען? —

און זעהסט פון דער הויך, ווי איך בלאָנדזשע פער'יתומ'ט.
דאָרום קלאָגט אונענדליך דיין שטימע די זיסע?
דו ווילסט זיך מיט טרעהרען אין אָרעם מיר וואָרפען,
נאָר פעסט איז געשלאָסען די טהיר פון דיין תפיסה? — — —

## פון אן אנדער וועלט

ווי פון אַ שעהנערער אַנ'אַנדער וועלט,
איז זי געקומען דאָ אַהער צו גאַסט,
מיט אַזאַ וועהטאָג־שמייכעל, — אויסגעקריצט
פון וועלט־עלענד די שווערע לאַסט...

האָט מיט אַ לאַנגען בליק בעלויכטען מיך,
צומישט געזעגענט זיך — אַוועק מיט האַסט.
שוין לאַנג... איהר וועהטאָג־שמייכעל אויסגעקריצט,
טראָג איך אין האַרצען איינגעפאַסט — — —

www.libtool.com.cn

## טערענאדע

ענטפלעק זיך פאַר מיר,
מיין פעראייביגטער צויבער...
אָך, עפען אויף ברייטער דיין פענסטער פאַר מיר.
דאָ וואַרט מיין נשמה,
נאָך הייליג, נאָך זויבער,
געקומען מיין יוגענד צוריק בעטען ביי דיר...

נאָך זעה איך אין ווייסען
געקליידט דיך, א לייכטע,
אין פעך־שוואַרצע לאָקען געפּאַסט דיין געזיכט;
נאָך ברענען ווי פלאַמען
די אויגען, די פייכטע, —
דאָך טרויעריג שטיל ווי יום־כפור די ליכט...

האַסטו געהערט קלאַגען
מיין זעל' ביי דיין פענסטער,
ווען איך האָב געבלאָנדזעט אָהן דיר אויף דער וועלט?...
זי האָט זיך געראַנגעלט
מיט טויזענד געשפּענסטער,
וואָס האָבען בעלאַגערט דיין פרויען־געצעלט.

ביז שפּעט אין דער נאַכט
פלעגסטו וואַכען, שטיל קלאַגען...
האָט מיין זעעל' ביי דיין פענסטער מיט דיר מיטגעקלאַגט...
פלעגט וואַכען ביז וואָגען
ס'פלעגט אָנפאַנגען טאָגען,
און שטענדיג דיין טרויער פאַר מיר אָנגעזאָגט...

www.libtool.com.cn

שוין לאַנג, לאַנג... מיין בלאַסע,
מיין שטאָלצע פּרינצעסין —
געדענקסט? אונזער הימעל — געווען א מאָל בלאָה...
פילייכט האָסטו מיך שוין,
דיין בלאַסען, פערגעסען?
עס זענ׳ן מיינע לאָקען געוואָרען שוין גראָה...

איך האָב אויף מיין קאָפּ,
אָנשטאָט פריהלינגס און זומערס
נאָר ווינטערס געטראָגען — געפרעסט האָט דאָס אייז!...
אין האַרץ האָט דער שנעע
ניט געוואַשען מיין קומער,
דעם קאָפּ האָט ער יא פיעל געוואַשען — איז ווייס...

דאָס פּנים צוזאַקערט
די צייט האָט אין קנייטשען,
נאָר דאָך ניט פערלאָשען אין אויג מיר דעם גלאַנץ,
דער פייער פון יוגענד,
ער קאָן נאָר דיר רייצען —
קום אַרוים און איך געה מיין אַמאָליגען טאַנץ...

שטרעק אוים מיר דיין אָרעם,
ברייט עפען דיין פענסטער,
און נעהם מיך צו דיר, אין דיין פרויען־געצעלט;
זעהסט אויבען אין הימעל
מיין שטערען? — נאָך גלענצט ער; —
איז גרייט צו בעשיינען פון ס׳ניי אונזער וועלט...

www.libtool.com.cn

## ווינטער

קום, טוליע צו מיר זיך צו נעהנטער, מיין שניי־בלום,
הער צו וואָס דיין יונג. ווארים האַרץ טהוט געלוסטען
און זאָלען זיך אונזערע אָרעמס פערפלעכטען
צוזאַמען מיט אונזערע ווארימע ברוסטען.

זאָל לויפען דאָס פערדעל פאָראויס אויפ׳ן שניי־ים,
זאָל שווימען אַהן ענד אויפ׳ן שניי־ים דער שליטען.
פון ד׳זייטען צוויי וועלדער, צוויי וויים־גראָהע זקנים,
מיר ביידע, מיין ליעבסטע, — מיין שניי־בלום אין מיטען...

אהין, וואו ס׳באהעפט זיך די ערד מיט׳ן הימעל,
ס׳פערשפרייט זיינע פליגעל אונענדליך מיין חלום,
וואו ס׳בלענדעט די אויגען פאַנטאַסטיש די ווייסקייט,
אַהין, וואו די וועלט רוהט אין אייביגען שלום...

דאָרט זעהסטו די בוימער, וואָס רוהען ביים טייכעל
און סוד׳ען זיך שטיל מיט די וואָלקענדלעך טריבע?
צי זאָל איך דיר, ליעבסטע, פערטרויען די סודות? —
— דערצעהל ניט, מיין ליעבער, פון זיי, נאָר פון ליעבע.. —

איך וועל דיר, מיין גוטע, דערצעהלען פון ליעבע,
אַן אומעטיג־האַרציגע ווינטער־לעגענדע:
אַזוי, איז מיין ליעבסטע, ביי אונז אויף דער וועלט דאַ
פון אייביג אָן אויך פון דער ליעבע די ענדע: —

www.libtool.com.cn

„ווען גאָט האָט פּאַר אומעט די וועלט זיך געשאַפען,
איז דאָ, אויף דער ערד, דאַמאָלסט פריהלינג געוועזען.
די ערד האָט בעציערט זיך מיט גאָלדענע בלומען
און ס'האָט זיך דער הימעל פערליעבט אין דעם וועזען...

אין זומער, ווען הייס איז געוועזען די ליעבע,
האָט זי דורך די פויגעל געשיקט איהם גרוסען
און ער פלעגט מיט שטראַהלען איהר וואַרים אומאַרמען
און דונערענד שיקען איהר גאָלדענע קושען.

ביי נאַכט פלעגט ער אָנצינדען ליכטעלעך שעהנע
און שטיל צו דער ערד ביים ברעג וועלדעלע קומען,
עס פלעגען אין ד'אויגען איהם צינדען זיך שטראַהלען,
דערזעה'נדיג אויף מאָרגען געבאָרענע בלומען...

אין הערבסט איז דער הימעל געוואָרען ענטצויבערט,
זיין האַרץ האָט געשטורעמט, געגאָסען מיט טרעהרען,
די ערד האָט פּאַר טרויער צוריסען די קליידער
און גאָט פלעגט איהר זיפצען, פון ווינטען אַלץ הערען...

און גאָט האָט פּאַר כעס דעם הימעל פערלאָזען,
די זון האָט זיך אָבגערוקט וויט אויף אַהינטער,
עס וועהט אָנשטאָט וואַרימער ליעבע מיט קאָלטקייט... —
פון דאַמאָלסט אָן, ליעבסטע, איז אייביג דער ווינטער...

און זעהסטו די ווייסינקע פּערל־בריליאַנטען? —
אין ווינטער־פאַרנאַכטען די ראָזאָווע שטראַהלען?
דאָס בענקט ער, דער הימעל, פון ס'ביי נאָך זיין ליעבסטע,
די ווייסע בריליאַנטען? — די טרעהרען, וואָס פאַלען...

www.libtool.com.cn

# אין הערבסט

דער פריהלינג, ער האָט פאַר מיין האַרצען
קיין ליעבע — נאָר בענקשאַפט געשאָנקען...
אַזוי ווי אַן איינזאַמער שטערען
אין הערבסט־נעכט פלעג איך מיך אומבלאָנקען...

געקומען דער זומער; — זי'ט קומען? —
אַ פלאַנטער פון זיפצען און האָפען...
איך פלעג איהר אין גאַס אומגעהן זוכען...
נישט איהר! — כ'האָב אַן אַנד'רע געטראָפען! —

איך ווייס נישט: צי שכור, צי משוגע? —
נאָר — ז'האָט מיר גענומען אין אָרעם...
געגלעט מיך... געוויינט און געקושט מיך...
געטוליעט צום ברוסט אַזוי וואַרים: —

„...איך בין דאָ אַ וויסטע יתומה,
פערשאָלטען פון פריהלינג, פון זומער...
אַך! שטענדיג עס פרעסט אויף מיין האַרצען,
אַ בלייענער הימעל, אַ שטומער...

„איין זומער נאָר האָט ער געליעבט מיך,
גענומען אַ הערבסט־ווינד האָט בלאָזען,
האָט ער אין אַ הערבסט־נאַכט אַ שוואַרצע,
מיין ליעבער, מיך איינזאַם פערלאָזען...

„עס האָט נאָך קיין פריהלינג, קיין פויגעל,
זייט דאַן מיך בעגריסט מיט קיין טרעלען,
דערפאַר וויל איך דיינע זיין, דיינע — — —
ביז וואַן' ס'וועט אויף טאָג נעהמען העלען..."

זי האָט זיך צולאַכט ווילד: „כאַ־כאַ־כאַ!" — —
און האָט מיט'ן גאַסיגען לשון
געפינטעלט צו מיר מיט די אויגען:
„נישט אמת? — וועסט הײנט זיין מיין חתן?" —

www.libtool.com.cn

## א י ך  ו ו י י ס . . .

איך ווייס: דו וועסט אַ מאָל פאַר בענקעניש נאָך מיר,
דיין הויז פערלאָזען שטיל, אין גאַס מיך זוכען געהן; — —
ערשט פּלוצלונג, זעהסט: אַרום אַ מענש אַ „רעדעל" שטעהן, —
מען לויפט פון יעדעס הויז, מען לויפט פון יעדער טהיר: —

צום וואונדער זעהן: „ווי ס'לאַכט אַ מענש און וויינט אין טאַנץ?"
און זינגט אַ ציטריג ליעבע־ליעד אַזוי בעהאַרצט!
מיט אויגען ווילד, פאַר טיעפען וועה אַריינגעשטאַרצט...
וואָס שפּריצען האַס דורך פונקען־רויטען גלאַנץ ? !"

איך ווייס: חוץ מיך געהט קיין זאַך דיר נישט אָן צו זעהן,
דאָך כשופ'ט דיך ס'געזאַנג און שטעלסט זיך אויך ביים „רעדעל" אָב.
דו זיפצעסט מיט און שאָקעלסט טרויריג שטיל דעם קאָפּ:
„ס'וועט אויך אַ מאָל מיט מיר, אַזוי מיט מיר געשעהן!" — — —

דערנאָך דערקענסטו מיך אין „איהם", פאַלסט־צו צו מיר.
מען הויבט דיך אויף, מען זיפצט: „ווי גרויס עס איז גאָטס שטראָף" —
די גאַנצע שטאָדט פערשטעהט שוין, אַז דער שוואַרצער סוף
געוואָרען איז פון מיר, פאַר בענקעניש נאָך דיר — — —

www.libtool.com.cn

# II

www.libtool.com.cn

# שטורם־ליעדער

.1

עס האָט מיט דער ערד זיך צעברוגז'ט דער הימעל,
עס האָט זיך זיין שמייכעל פערוואַנדעלט אין צאָרן...
די זון האָט פאַר שרעק זיך אין וואָלקען בעהאַלטען,
דער הימעל איז פעך־שווארץ פאַר כעס געוואָרען...

אזוי ווי אַ ריעזען־שווערד הענגט אין דער לופטען
די מורא: „אַט־באַלד־אַ ברעכט אויס דאָס געוויטער!"...
און וואו נאָר אַ גרעזעל, אַ בוימעל, אַ טייבעל
און וואו נאָר אַ הארץ, איז אין שרעק און אין ציטער...

אַט באַלד וועט דער הימעל דעם געגנער זיין ווילען,
צעשמעטערט דאָס וועלט־הארץ דער גרויזאַמער שטורם!
אַ שרעק רוהט אין הערצער פון וואָרם ביז אָדלער,
און אַלץ, וואָס געשאַפען אין געטליכען פורעם.

עס טוליען זיך גרעזלעך מיט אויגעלעך שטאַרע,
ווי קינדער צושראָקענע, איינער צום צווייטען;
עס ווילען די זאַנגען וואו ערגעץ אַנטלויפען
און פאַלען אין כוואַליעס פאַר שרעק אויף די בייטען...

ס'בעהאַלטען זיך פויגלעך פאַר שרעק אין די נעסטען,
ס'פערפלעכטען זיך בוימלעך און קוסטעס צוזאַמען,
פערשפּרייטענדיג צווייגלעך, ווי זיי וואָלטען וועלען
בעשיצען פון צאָרן די ערד, זייער מאַמען...

www.libtool.com.cn

.2

פערדריקט האָט פּאַר כעס דער הימעל די אויגען!
עס האָבען זיך כמאַרעס ווי ברעמען פערצויגען...
און שוואַרץ איז דער הימעל, דער וואַלד און דאָס פעלד...
עס שלענגעלט פוי זאַמד זיך ביז הימעל אַ טורם,
עס אָטעמט דער הימעל אויף דר'ערד מיט זיין שטורם:
קראַך־קראַך־קראַך! ! — פערטויבט האָט זיין אָטעם די וועלט!
דאָס האַרץ פון דער ערד האָט געגעבען אַ ציטער...
דער וואַלד האָט פערצווייפעלט אַ קרעכץ געטאָן ביטער...
געקלאָגט האָט מיט טרעהרען דאָס בערגעל און טאָל;
פונ'ם הימעל אַ פלאַם האָט די וועלט אָנגעצונדען; —
נאָר גלייך מיט'ן פלאַם איז זיין כעס פערשוואונדען
און ס'האָט זיך דער זיגער צעוויינט אויפ'ן קול.

.3

עס שמייכעלט דער הימעל אַזוי ווי פערשולדיגט,
מילד־ליעבליך צו דר'ערד צו אַראָב...
ער דריקט צו צום האַרץ דאָס געקרייזעלטע וועלדעל,
ער קושט זיין געקרייזעלטען קאָפּ...
עס שמייכעלט די זון פון אַ וואָלקען־גירליאַנדע
יונג־ריין ווי אַ כלה פערשעהמט...
עס שמייכעלט די ערד נאָך מיט אויגען פערטרעהרטע,
און זיפצט פונ'ם טייבעל פערקלעמט.
עס נעהמט איהר די זון מיט די וואַרימע שטראַהלען,
אַזוי ווי אַ מאַמע אַרום;
זי ווישט איהר די טרעהרען אַראָב פון די אויגען,
שמייכעלט זי צנועה'דיג פרום...
דערזעהט עס דער הימעל, עס שמייכעלט זיין ליעבסטע,
וויינט ער פאַר שמחה און לאַכט...
עס מאָלט איהם די זון אַ פיעל־פאַרביגען בויגען,
און שענקט'ס איהם: „האָסט שלום געמאַכט!"...

www.libtool.com.cn

## ע ר ב ־ פ ר י ה ל י נ ג

אַט שמייכעלט די זון און באַלד וועהט עס מיט קאַלטקייט;
אַזוי ווי אַ שטיף־מוטער איז די נאַטור — :
ווערט ג׳באָרען אַ מכשף, ווערט פינסטער דער הימעל,
ווערט ג׳באָרען אַ גאון, ווערט ריין די לאַזור;

די זון קוקט אַריין אין מיין פענסטער: כ׳בעגריס איהר:
„אַ גאַסט! ביסט געווען אין מיין צימער שוין לאַנג...“
זי שמייכעלט אַ בלאַסע מיט צערטליכער פריינדשאַפט,
אַזוי ווי אַ מיידעל, וואָס איז נאָך האַלב־קראַנק...

ס׳פערוועבען זיך שטראַהלען ווי קרענקליכע בליקען,
מיט מיינע יונג־צייט׳ריגע סטרונעס אין האַרץ,
עס שפּיעלט אַזאַ שטומע, אַ נאָהענטע בענקשאַפט, —
מאָהלט בילדער מיין האַרץ: אַט אין ווייס, אַט אין שוואַרץ.

פערליעבט זיך מיין האַרץ אין די קראַנק־בלאַסע שטראַהלען,
און ס׳ווילט זיך מיר טוליען די וועלט צו מיין ברוסט:
ערב־פריהלינג — קראַנק מיידעל! די צאַרט־בלאַסע שטראַהלען
זיי האָבען מיין האַרץ־וועה מיט בענקשאַפט געקוסט...

www.libtool.com.cn

.2

ס'האָט די זון געגאָסען שטראַהלען
אויף אַ בערגעל אַ פערשנייטען ;
האָט פון שנײ בעפרײט דעם בערגעל,
גרין בעקלײדעט זײנע זײטען...

ווי פון שלאָף ערוואַכטע קינדער,
נאָך מיט האַלב־פערמאַכטע אויגען,
נויגען גרעזלעך זיי'רע מײלכלעך
צו דער ערד־ברוסט — ווילען זויגען...

עלענד איינזאַם פון די גרעזלעך
שײנט פערטרוימט אַרוים אַ בלימעל, —
אַ פערקלעמטעס, אַ פערבענקטעס...
אַ בן־יחיד אונטער הימעל...

---

ס'האָט די זון געגאָסען שטראַהלען
אויף אַ בערגעל אַ פערשנייטען...
האָט פון שנײ בעפרײט דעם בערגעל,
שפּראָצען גרעזלעך אויף די זײטען...

www.libtool.com.cn

# איך ליעב...

.1

כ'ליעב דיך, ליעבע־שעפער, פריהלינג !
דיינע יונג־פערליעבטע בלומען,
דיינע פויגעל־טרעלען פרייע
און די פליעגעלעך, וואָס זשומען...

דיינע רייצענד זיסע קרייטער,
וואָס די ווינטלעך פריש צובלאָזען
און די טייכלעך — אָה, זיי מאַניען,
כ'זאָל מיט זיי אין וועג זיך לאָזען ! — — —

דיינע איבערפילטע הערצער'ס
זילבער־קלינגענדע געלעכטער,
ווען ס'בעגריסען דיך אין וועלדער
דיינע זיהן און שעהנע טעכטער...

דיינע ליעבע־סודות זיסע,
וועבען איין אין זיסע קוסען,
און אַ ליעבע־ליעד, אַ שטילעס,
זינגט דאָס טייכעלע צופוסען...

יא, מיין ליעבע־שעפער, זינגער,
דיינע טרעלען און געזאַנגען
פילען אָן מיין האַרץ מיט יוגענד, —
מיט די הייסעסטע פערלאַנגען...

www.libtool.com.cn

**.2**

כ׳ליעב דיך, כשופ׳דיגער זומער,
דיינע טהוי־פריהמאָרגענס ריינע,
וואָס בעציערען גרעזעל, צווייגעל
מיט ברילאַנטען־טראָפּענס שעהנע...

כ׳ליעב די ווינטלעך אין די אָווענדס,
גליטשען, גליטשען זיך אויף גראָזען —
און דעם פייערעל פון זוגענד,
אין מיין הארצען שטיל צו בלאָזען. — — — —

כ׳ליעב די טייכלעך, וואָס צופליסען
טיעף אין וואַלד, ווי זילבער־שטענגעס. —
ס׳געהען מיידלעך פריש־געבאָדען
ביי די טייכלעך אין שערענגעס; —

כ׳ליעב די שאָטען־טעג, די פרישע,
און די זונען־טעג, די הייסע...
כ׳ליעב די נעכט מיט שוואַרצע וואָלקען,
די געוויטערען, די גרויסע...

ווען דער הימעל גיסט די וועלט אָן,
און ער שאָפּט זיך טייבען־שפּיעגלען...
כ׳ליעב: עס דאַכט, ער צינדט די וועלט אָן,
ווען ער עפענט זיינע ריגלען...

כ׳ליעב צו־מאָרגענס, ווען די וועלדער
אויסגעצוואָגען — ס׳שמעקט מחיה...
און עס שמייכלען ליעב די פעלדער,
פון דעם שעפער׳ס האַנד, ווי בייע...

www.libtool.com.cn

אונטער הימעל שוועבט די לערכע:
טראָגט צו גאָט ערד־לויב־געזאַנגען...
ווי דער פויגעל שוועבען, זינגען,
בליהט אין הארצען אַ פערלאַנגען...

.3

דיר אויך, הערבסט, איך לויב דיך ווײנער,
ווען דער ווינד, ער קלאָגט אין קוימען...
מרה־שחורה'דיגע, טריעבע,
אין מיין מח וועבט ער טרוימען...

ווען עס ליעגען בערגלעך בלעטער,
ווי מצבות נאָך דעם זומער
און די ווינדען ווען זיי וואָיען,
ווען דער וועלט בעהערשט דער קומער —

דאַן, אָך, זעה איך מיך געשטאָרבען...
און דאָס פאָלק בעווײנט איהר דיכטער,
טרעהרען רינען אויף מיין קבר,
טרעהרען רינען אויף געזיכטער...

און מיין ליעבסטע און מיין מוטער,
אַלע נאַכט צום קבר קומען...
גיסען קלאָהרע, ליעבע טרעהרען,
בליהען בלומען, — פריהלינגס־בלומען...

יא, מיין טרויער־שעפער, ווײנער,
דיינע שוואַרצע טויט־גזאַנגען,
זיי דערמאָנען מיך מיין קבר,
נאָגט אין הארצען אַ פערלאַנגען...

www.libtool.com.cn

4.

כ׳ליעב דיך, ווינטער, בייזער קינסטלער,
פאַרבסט מיין בלאַס געזיכט אין רויטען...
אויף די פענסטער פון מיין שטיבעל
מאָהלסטו פרעכטיג וועלדער, קווייטען...

כ׳ליעב די מכשפים־זאַווערוכעס,
שטורם־ווינד, זאַווייען, שנייען...
כ׳לעהן מיך אָן אויף זייערע פליעגעל,
זאָל דער שדים־ווינד מיך דרעהען! — :

כ׳ליעב די וועלט פון פאַר „בראשית",
כ׳ליעב! — : עס מישט זיך ערד און הימעל,
ס׳דוכט מיר: כ׳שאַף אַ וועלט פון זון־שיין,
איך צושטער די וועלט פון שימעל...

ווי דער שטורעם פליהען, פריי זיין,
וואו זיין פליעגעל קאָן דערלאַנגען, —
הויך, ווי ער, צום הימעל שוועבען —
וועקט אין האַרצען אַ פערלאַנגען...

www.libtool.com.cn

## שניטער־ליעדער

.1

ס׳גיסט די זון מיט פאַליעס גינגאָלד,
אויף די אָבגעשניט׳טע בויטען,
גינגאָלד — בארגיג־הויכע פעלדער,
גינגאָלד — מייכלעך, גינגאָלד — קווייטען!...

ס׳האַלטען נאַכט און טאָג מלחמה,
ס׳פעלד — אַ ים פון רויטע פאַרבען...
ווי אין בלוט געפאַלען העלדען,
גלענצען רויט, פון ווייטען גאַרבען — — — —

ס׳גלענצען זונען ווייט אויף שויבליך,
ס׳דערפעל, דוכט זיך, שווימט אין פויער
און אין האַרץ, וואָס בליהט פאַר שמחה —
טהוט אַ צאַפּעל. „ס׳ברענט מיין שויער!"

ס׳געהט פאַראוים אין גלאַנץ דער וואָגען,
הינטער איהם די פרייע שניטער...
ס׳גלענצען פּנים׳ער און סערפּעס,
ס׳קלינגען הויך און שטאָלץ די ליעדער

פון די פרייע, ברויטע הערצער,
איבער ברויט׳ פערגאָלדטע פעלדער
און דעם מוטהיג־שטאָלצען ניגון,
כאַפּען אונטער הויך די וועלדער — — — —

www.libtool.com.cn

.2

(פאָלקסטימליך.)

עס וועלען זיך פיטערען שעפּעלעך יונגע,
אויף קאָרן־געשניטענע בייטען;
איך וועל מיר פונ'ם שעפּסען־וואָל וועבען אַ שאַלכעל.
איהם פאַרבען אין בלאָה און אין רויטען —
אַך, ווי וועט דער שאַל דאָס מיר קליידען!...

פון חיל וועט קומען מיין חתן — מיין אָדלער,
אַך, ווי וועל איך איהם דאָס געפעלען!...
אַך, זאָל ער שוין קומען, דער שטאָלצער, דער גוטער,
און זומער־פאַרנאַכט איכ'ם העלען,
מיט מיר צו דער חופה זיך שטעלען...

און שניידען און יעטען וועל איך אויף די פעלדער,
צוזאַמען מיט ועם' ס'איז מיר טייער,
געאָרעמטע וועלען מיר פיהרען די תבואה,
די גאָלדענע גאַרבען אין שייער,
צוזאַמען מיט איהם, מיין געטרייער!...

אַ שייער מיט תבואה, און שעפּעלעך, רינדער —
ווי גרויס וועט זיין אונזער פערמעגען!
און שיקען וועט גאָט אונז זיין ברכה: גערעטנויש,
טהוי־מאָרגענס, צייטיגע רעגען, —
פאַר אונזערע קינדערלעכ'ס וועגען...

עס קוועלען די ריינסטע, די זילבערנע קוואַלען,
דעם וואַנדערער־ס דורשט אויף צו לעשען;
עס וואַקסען די ווייץ און די קאָרען צום שניידען,
צו פיהרען אין שייער און דרעשען,
צום באַקען דעם ברויט און צו עסען!...

www.libtool.com.cn

## הערבסט שעהנקייט

דו אויך, הערבסט, פערמאָגסט דיין שענקייט:
בלומען, שטראַהלען, פויגעל־ליעדער;
ס'ווינט זיך דורך דיין שוואַרצער הימעל,
שיינט ער ניי־געבאָרען וויעדער...

קומט דער בלאָה־פויגעל אין וועלדעל,
לאָזט ער באַלד זיין הערבסט־ליעד הערען.
הערט דאָס פויגעל־ליעד מיין שוועסטער,
זינגט זי מיט מיט קלאָהרע טרעהרען...

ס'ווערען ניי־געבאָרען גרעזלעך,
שפּראָצט אַרויס אַ בלייכעס בלימעל...
און מיט בלאַסע, קראַנקע שטראַהלען,
גלעט זיי מוטערליך דער הימעל...

בענקט דאָס בלימעל נאָך זיין ליעבסטע. —
נאָך פון פריהלינג איהם אַ זכר, —
ס'וועלקט זיין הארץ ווי מיינס אָהן ליעבע:
ס'ווערט ווי איך אַליין בלייכער, בלייכער...

צוקריגט די ערד זיך מיט'ן הימעל,
צאָרענט, שטורעמט ער, איהר ליעבער,
טהוט די זון אַ קראַנקען שמייכעל
און זיי בעטען זיך באַלד איבער.

www.libtool.com.cn

# הערבסט־ליעדער

.1

איך האָב זי, מיין הערבסט־קינד, נאָך שניט־צייט בעגעגענט
שטיל, איינזאַם אויף אָבגעסערפּט־נאַקעטע בייטען;
איך האָב איהר געזונגען פון זומער און ליעבע,
דאָך ס׳האַרץ האָט געקלאָגט אויף די וועלקענדע קוויטען...

און דאָך האָט מיין הערבסט־ליעד פערכשופ׳ט דאָס הערבסט־קינד
אין איהר האָט דער פריהלינג ערשט בליהען גענומען,
זי האָט מיך געקושט מיינע אויגען, געפּליסטערט:
„מיר זיינען צוויי שפּעטיגע הערבסטיגע בלומען!..."

מיר זיינען צוויי עלענדע הערבסט־קינדער־בלומען,
טו לאָמיר צוזאַמען מיט שטורם־ווינד טאַנצען!
אַזוי — נעהם מיך פעסטער, נאָך פעסטער ארומ׳עט,
און אויסטרינקען לאָמיר דעם בעכער אין גאַנצען...

איהר פּנים פער׳חלומ׳ט, געווענדעט צום הימעל,
וואו ס׳ציטערט איין אייציגער גוסס׳ער שטערען.
זי ציטערט ווי ער. — ווי זי וואָלט אין זיין ציט׳רען,
דעם סוד פון מיין ווייגעדיג האַרץ דאַרטען הערען — — —

.2

פלוצלינג איז עמיץ, אַ ריעזיגער, גראָהער,
פון וועלדעל מיט לאַנגזאַמע טריט אָנגעקומען,
פערהילט מיט זיין גראָהען, זיין הערבסטיגען מאַנטעל,
די גרעזעלעך קוסטעס, די בוימעלעך, בלומען

www.libtool.com.cn

פערלאָשען אין הימעל דעם איינציגען שטערען,
פערלאָשען די רוהיגע הימעלשע בלאָהקייט,
האָט יונגינקע וועלדלעך און זילבערנע קוועלכלעך
פערהילט אין זיין מאַנטעל פון פראָסטיגער גראָהקייט.

און האָט זיך אין אונזערע וואַרימע הערצער,
ווי אַ ריעזיגע קראָה מיט די פליגעל פערקליבען
די לעצטע, די הערבסטיגע עלענדע ליעבע,
וו'אַ ווייסע, אַ יונגינקע טייבעל פערטריבען...

3

עס ציהט זיך אַ טייבעל, אַ זילבערנע שטענגע,
נאָך איהם געהט דער נעבעל און האַלט אין איין שרעקען,
עס פלאַפּעלט דאָס טייבעלע צווישען די קוסטעס...
עס בעט זיך, דער נעבעל זאָל איהם ניט פערדעקען...

עס שטעהען די בוימער געלאָדען מיט פרוכטען,
פאַר שווערקייט געבויגען ווי אַלטע און שווייגען,
פערשטעהט זיי אַ ווינטעל — ער פליקט אָב די פרוכטען
און זיפצענדיג אָטהעמען פריי אָב די צווייגען...

4.

אין שטראָהלען־פּאַנציר קומט די זון,
רייסט דורך די גראָהע נעבעל־וואַנד,
עס שיינט אַ שטראַהל אין האַרץ אַריין,
ווי גלעטען וואָלט אַ מוטער־האַנד...

קומט ווידער אָן אַ וואָלקען שוואַרץ,
נאָר ס'טהוט אַ ווינד איהם באַלד אַ יאָג
און העל שיינט אויף אין גראָהען הערבסט
אַ פרעהליך־יונגער פריהלינג־טאָג...

www.libtool.com.cn

.5

טייבלעך זעגנען זיך מיט שטערען,
דער לבנה, זייער שכנה:
„זיי געזונד, דו בלאַסע צנועה,
זייט געזונד, איהר שטערען שעהנע!"

פרעסטלעך, ווינטען שפּרייטען פליעגלען,
אויף די טייבעלעך די מיעדע,
און די וועלכלעך קוים וואָס הערט זיך,
מורמלען ציטערענדיג ודוי...

www.libtool.com.cn

## ים־ליעדער

.1

ווי שטורמען זאָל דער בייזער ים
און זאָל ווי וואַרפען שטאַרק די שיף,
נישט מיך דערשרעקען קען זיין תהום:
דען ס'איז, ווי ער, מיין וועהטאָג טיעף...

כ'אַנטלויף יעצט פון דעם רויטען לאַנד,
וואו ס'הערשט דער חלף און די רוט...
די פעלדער זיינען דאָרט געפאַרבט,
מיט מיינע ברידער'ס וואַרים בלוט...

דאָך, גאָט! ווי טייער ז'מיר דאָס לאַנד; —
זי האָט מיין יוגענד מיך געקאָסט...
ווי הייליג איז מיר יעדער שטיין —
כ'האָב קדושים אונטער זיי געלאָזט...

איך פלוך דעם וועג, וואָס הינטער מיר,
דאָך טיעף אין האַרץ עס ציהט, עס רופט:
„האָסט בלומען מיט דיין בלוט געפלאַנצט,
דאָך נישט פאַר דיר דער בלומען־דופט..."

זאָל שטורמען בייז דער ברייטער ים,
נישט מיך קען שרעקען שטורעם, ווינד...
איך בין דאָך קינד פונ'ם וואַנדער־פאָלק,
קיין שטורעם שרעקט דעם וואַנדער־קינד...

.2

די לבנה פערכשופ'ט מיט ליכט היינט די נאַכט,
דאָס וועטער איז ליעבליך, איז פריהלינגדיג, שטיל...
עס גליטשט זיך די שיף אויפ'ן ברייטען אָקעאַן
און ס'דוכט זיך וועט אויביג נישט קומען צום ציעל...

www.libtool.com.cn

שטיל, רוהיג... איך אײנער בעװאַך יעצט די שיף; —
און ס'דוכט מיר, איך בין עס דער קעניג פון ים...
אַט קומט שנעל צו רײטען מײן שטאָלץ־שלאַנקע ים־פרוי,
און זינגט מיר איהר ים־ליעד: „פלאַם־גלאַלאַם... לאַלאַם..."

זי שטרעקט צו מיר אויס איהרע שניי־װײסע הענד
און נעהמט מיך ארויף אויף איהר שניי־װײסען פערד...
עס קומען אַנטקעגען אונז ים־זײדעס צוויי,
און גריסען אונז ליעב, מיט די זילבערנע בערד...

זיי נעהמען דאָס פערד אָן ביים זילבערנעם צוים
און אַלע אין אײנעם מיר שפּרינגען גאַלאָפּ...
מיר זענען אַ װיכער אין טיעף־בלאָהען ים,
מיר זינקען אַלץ טיעפער, צום ים־גרונד אַראָב...

און ענדליך עס בלענדט מײנע אויגען: אַ שלאָס —
אַ פּאַלאַץ פון פּערעל, גינגאָלדענע טרעפּ...
צוויי ים־טעכטער שלאַנקע שפּאַצירען אַרום
צואוואָרפען די בלאַנקע, גינגאָלדענע צעפּ...

אַט קומט אָן די ים־פרוי אין פּערל געציערט,
זי שמייכעלט מיט אויגען פול תאוה צו מיר...
מיר געהען אַ טײװעל־טאַנץ, שטיפעריש־װילד
און ס'פלאַט'רען ווי טויבען די ברוסטען ביי איהר...

זי שליסט אין איהר צערטליכען אָרעם מיך אײן
און פיהרט מיך װײט־װײט... אין איהר פּרעכטיגען שלאָס,
מיר זעצען אונז זאַכט אויף אַ גאָלדענעם שטוהל
און טרינקען מיט לוסט פון אַ גאָלדענעם כוס...

און שכור פון װײן און פון תאוה מיר זינגען:
„זאָל בליהען דאָס גליק,
אויפ'ן גרונד פונ'ם ים...
די העל־שעהנע נאַכט,
האָט ס'גליק אונז געבראַכט,
געבענשט זאָל זי זיין...
פלאַם־גלאַלאַם־לאַלאַם" — — —

www.libtool.com.cn

.3

די לבנה פערכשופ׳ט מיט ליכט היינט די נאכט,
דאס וועטער איז ליעבליך, איז פריהלינגדיג, שטיל,
עס גליטשט זיך די שיף אויפ׳ן ברייטען אקעאן,
זי טראגט מיך אלץ נעהנטער, אלץ נעהנטער צום ציעל...

עס הויבט זיך מיין הארץ ווי די כוואליעס פון ים; —
עס איז אזוי ליכטיג אין הארצען ביי מיר...
ווי ס׳וואלט די לבנה געסוד׳עט מיר דארט:
אט באלד און דו ביסט אין די ארעמס ביי „איהר״ — — — —

אהין, דורך דער ליכטיגער ברייטקייט פון ים,
איז געווענדט יעצט מיין הארץ און מיין דורשטיגער בליק...
און פלוצלונג — ס׳צושפרינגט אזש פאר שמחה מיין הארץ,
פאר מיר דעם פערבענקטען שיינט ענדליך דאס גליק; —

ס׳ענטפלעקט זיך פאר מיר די הויך־ריעזיגע שטאדט,
עס מאניעט אין הארצען איהר צויבער, איהר פראכט...
זי שמייכעלט מיט אויגען מיליאנען צו מיר —
וועיט־ווייט... דורך דער פרהלינג־פערכשופ׳טער נאכט...

אט זעה איך מיין ליעבסטע, מיין שטערען שיינט העל.
איהר חופה־קלייד האט זי פאר מיר אנגעטהאן...
זי שטרעקט מיר פון ווייט אוים די שניי־ווייסע הענד,
און פאכט צו מיר ליעב מיט א ווייס־בלאהען פאהן...

www.libtool.com.cn

# III

www.libtool.com.cn

## אַ שׂרפה

ס׳האָט פלוצלונג זיך אין מיטען נאַכט דער קלויסטער־גלאָק צוקלונגען ; —
דער שטערענדיגער הימעל ווערט אַלץ פייערדיגער, רויטער...
האַלב־נאַקעט לויפען ווייבער שלעפען קינדער פאַר די הענד...
ווילד פערצווייפעלט שניידט עס דורך די נאַכט־שטילקייט :
„עס ברענט ! !״ — — —

און די פייער־צונגען שלינגען, שלינגען גאַס און געסעל,
וויקלען איין ווי פייער־שלאַנגען ס׳קליינע שעהנע שטעדטעל...
ס׳פאַלען — קרעכצענדיג ווי זקנים, — קוימענס, דעכער, ווענד — — —
מיט׳ן טאָג גלייך, האָט דאָס לעצטע שטיבעל אָבגעברענט — — —

---

אַ בלאַסער חושך׳דיגער איד — אַ לעבעדיגער חורבן, —
שטעהט אויף דעם חורבן פון זיין הויז, קוקט גלעזערדיג, פערגליווערט,
אַן זיין האַלב־פערברענטען ספרים־אַלמער אָנגעלעהנט,
קיין פינטעל מיט קיין אויג ; נאָר אין איהר יאָמערט עס :
פערברענט ! — — —

שטיל. עס ריהרט זיך ניט קיין בלעטעל. מחנות ווייסע טויבען
פלאַטערען אין בלויען הויך, פערפאָלגטע פון אַ קראָה.
די זון איז העל אַרויס פון וואַלד, צום שטעדטעל זיך דערנעהנט,
אויף אַ חורבה האָט נאָך וואו אַ רויכיג פייערעל געברענט — — —

www.libtool.com.cn

## פונ׳ם יריד

...הו־האַ!... הו־האַ! — — — װער שנײדט עס דורך די װײַסע
שטילקײט פון דער נאַכט?
װאָס רײַטען סטראַזשניקעס מיט ביקסען אין דער שנײאיג־װײַסער נאַכט?
הו־האַ!... הו־האַ!... דאָס פאָהרען גוים פרעהליך־שכור פון יריד, —
שנײדט דורך די שטילקײט פון דער נאַכט, דאָס שכור־הײזעריגעס
ליעד — — —

...הו־האַ!... הו־האַ! — — — װער שנײדט עס דורך די װײַסע שטילקײט
פון דער נאַכט? —
— דאָס רײַטען סטראַזשניעס מיט ביקסען אין דער שנײאיג־װײַסער—
נאַכט: —
מען האָט אין װאַלד בײם װעג געפונען, אַ געקױלעטען אין שנײ,
דעם גרױסען מינסקער אָקסען־הענדלער, משה־אהרן סאַלאָװײ — — —

## דער איבען־בױם

ס׳געװעלטיגט שטאָלץ דער שלאַנקער העלד,
דער איבען־בױם, אין פרײען פעלד...
קומט פלוצלונג אָן אַ שטורם־װינד,
צוברעכען װיל דעם ריעזען־קינד...

עס בױגט דער װינד איהם הין און הער,
עס פיהלט דער העלד, דער קאַמפף איז שװער...
דאָך גיט ער זיך דעם װינד ניט אָב;
צום הימעל רײסט ער שטאָלץ זײן קאָפּ...

און ס׳רעדט צום פײנד דער איבען־בױם:
„איך שװער בײם פרײען הימעל־רױם —
עס ברעכט קײן װינד די קרױן פון פעלד
קײן איבען־שטאָלץ! קײן איבען־העלד!...״

www.libtool.com.cn

## דער אָדלער

פאַרמאָגט האָט מיין טאַטע נאָר ספרים און תורה,
פלעגט שטענדיג פון הייליגע ספרים אַלץ זינגען,
ס׳פלעגט איינזאַם דער גלות׳דיג טרויריגער נגון,
אַרומבלאָנדזשען שטיל און אין האַרץ מיר אָבקלינגען...

די מאַמע פלעגט לייגען מיך הונגעריג שלאָפען,
און כדי אַז איך זאָל איהר נישט בעטען צו עסען,
פלעגט זי מיר דערצעהלען די מעשה פונ׳ם אָדלער.
ווי שעהן, אַך, ווי שעהן, כ׳וועל איהר קיינמאָל פערגעסען: —

געווען איז די מאַמע אַ גוטע, אַ מילדע,
האָט שטענדיג גערעדט מיט אַ האַרציגען שמייכעל —
און פלעגט זי דערצעהלען די מעשה פונ׳ם אָדלער,
פלעגט זי דאָס ערקלעהרען מיט האַרץ און מיט שכל:

„אַ מאָל איז געוועזען אַ שטאָלץ־יונגער אָדלער,
איז הויך אונטער טיעף־בלויע הימלען געפלויגען,
ס׳האָט שטאָלצקייט און גיפט־שפּאָט אויפ׳ם ערדישע וועזען
געשטראַהלט פון די ווייטזיכטיג־אָדלערשע אויגען...“

„נאָר ליידער: געשטראָפט איז פון גאָט אויך דער אָדלער
מיט ערדישער „נאַהרונג“ — און ס׳האָט אונזער יונגער
געפליגעלטער קעניג געניטערט אַלץ נעהנטער
אַראָב צו דער ערד, אום צו שטילען זיין הונגער...“

www.libtool.com.cn

„נאָר קוים האָט דער אָדלער פערמאַכט זיינע פליגעל,
בעריהרט האָט זיין פוס־טראָט דעם ערדישען באָדען,
באַלד זיינען פיעל ווערים געקומען צו קריכען
מיט ווערימדיג־מיאוס'ע טענות געלאָדען:

„צי ווייסטו עס, נאַרישער, גרויסער בעל־גאוה,
אַז מיר דאָ, די הערשער פון ערדישען שימעל,
מיר, ווערים, זיינ'ן גרעסער פון דיר? ביזט געקומען
צו אונז אויף דער ערד און נישט מיר אין דיין הימעל!..."

„און קנוילווייז, טויזענדווייז זיינען די ווערים
דעם אָדלער בעפאַלען, זיין לייב איהם געשטאָכען.
און ברייטער אַלץ מעהר אויף זיין קערפער פערשפּרייט זיך,
און טיעפער, אַלץ טעפער אין הויט איהם געקראָכען."

„ווי הונגעריג־מיעד ס'איז געוועזען דער אָדלער,
דאָך וואָלט ער זיך לייכט פון די ווערים בעפרייען,
נאָר ס'האָט איהם, דעם שטאָלצען, געקרייגקט די מלחמה;
און האָט זיך פאַר קריינקונג געדרעהט אַזש אין דרייען..."

„ביים וואַלד האָט אַ פּאַסטוכ'ל שעפּסען געפּיטערט —
אַנטקעגען אַ פייער מיט העל־רויטע פלאַמען;
פערשפּרייט האָט דער אָדלער די פליגעל צום פייער
און האָט זיך פערברענט מיט די ווערים צוזאַמען..."

www.libtool.com.cn

* *
*

מיין האַרץ איז פערליעבט אין דער הימעל־מלוכה,
וואו ס'קעניגט די שעהנהייט: לבנה־זון־שטערען...
מיין אויג איז געווענדעט וואו ס'קעניגט דער אָדלער,
און ס'ווילט זיך הויך פליהען — אַן אָדלער אויך ווערען!...

עס בענקט מיין נשמה נאָך געטליכקייט, שעהנקייט,
נאָך קראַפט, וואָס עס איז צו דער שעהנקייט געגליכען,
מיין אויג איז געווענדעט, וואו ס'קעניגט דער אָדלער —
כ'בעמערק נישט די ווערים אויף דר'ערד וועלכע קריכען!

און אונשולדיג טרעט איך אויף שוואַכע, אויף ווערים,
אויף אַלץ, וואָס איז נידעריג, קריכעדיג, מיאוס...
כאָטש גוט איז מיין האַרץ, פיעל רחמנות פערמאָגט עס,
אפילו פאַר די, וואָס אין שטויב זוכען חיות...

www.libtool.com.cn

# דאָס פערשניטענע ווערדעל

סודות'דיג... פריהלינגדיג... שטיל איז דער אָוענד,
עס ציהט זיך אונענדליך פון שטילקייט אַ זשומען...
עס דרימעלט דער הימעל, עס סוד'ען זיך שטערען,
עס דרימלען די פעלדער, שטיל פליסטערען בלומען...

עס פליהט פאַרביי מיר דורך — און גלעט מיר מיין פנים
ווי קינדערשע הענטלעך — אַ זיידענער ווינטעל,
ער שושקעט מיר איין שטיל אַ סוד אויפ'ן אויער:
„עס רוקט זיך אַהערצו דאָס שדים־געזינדעל..."

— — — — — — — — — — —

ס'אַנטלויפט שנעל דאָס ווינטעל, ער נעהמט זיך דעם סוד מיט,
און טראָגט איהם אין ווערדעל אויף פליגעל פון טרויער...
ער פליהט צו אַ בוים־צו, ער נעהמט איהם ביים האַלז אָן,
און שושקעט דעם וואַלד־קינד אַ סוד אויפ'ן אויער...

עס בויגט צו דאָס וואַלד־קינד זיין קאָפ צו אַ צווייטען
און שושקעט איהם איין וואָס אויף בוימעריש לשון, —
עס כאַפּט זיך זיין חבר אַזוי ווי פון שלאָף אויף
און שפּרינגט אָפּ אַהינטער, פערוואונדערט, צושראָקען...

עס טראָגט זיך פונאַנדער דער סוד דורכ'ן ווערדעל,
עס קרעכצען די בוימער פון טרויערען מיעדע,
זיי קוקען זיך איבער די העלדען, די ריעזען,
ווי ווילד און צושראָקען און שעפּטשען שטיל „ודוי"...

www.libtool.com.cn

עס שלעגעלט זיך נאָהענט ביים וועלדעל אַ טייכעל,
אַ שמאָלעס, אַ שטילעס, עס פּלאָפּעלט און שפּיעלט זיך...
עס קומט די לבנה מיט הונדערטער שטערען,
אַהער אינ'ם טייכעל, זיך אַלע נאַכט שפּיעגלען...

עס חנ'דעלט זיך, שפּיעלט זיך, עס פרעהט זיך די לבנה,
עס שטיפען די שטערען ווי קינדער צולאָזטע,
נאָר היינט איז די לבנה דערשראָקען און ערענסט —
זיי פרעגט ביי דעם וועלט־רוים: „וואָס טרויערט דאָס וועלדעל?"

עס ווינקען די שטערענדלעך איינער צום צווייטען,
זיי קוקען זיך איבער צושראָקען ווי קינדער;
עס ציטערט דאָס טייכעל, עס פרעגען די וועלכלעך:
פליו־פליו־פליו... וואָס זיפצעט, וואָס טרויערט דאָס וועלדעל?

---

עס שטעהען די וואָרצלען פערשניטען — מצבות!...
עס ליעגען די בוימער געבונדען אין טייכעל;
ניט קומט די לבנה, ניט שפּיעגלען זיך שטערען...
נאָר צאָרענדיג סוד'ען זיך עפּעס די וועלכלעך...

סודות'דיג, פריהלינגדיג, שטיל איז דער אָווענד,
עס ציהט זיך אונענדליך פון שטילקייט אַ זשומען,
עס טרוערט דער הימעל, עס סוד'ען זיך שטערען,
עס האָרכען די פעלדער, ווי ס'זיפצען די בלומען...

www.libtool.com.cn

## דער קינסטלער

שטעהט א ריעזיג־הויכער מויער,
נאָהנט ביים שוואַרצען שטילען וואַסער, —
אין אַ קליינעם אָר'מען צימער
וואָהנט אַ קינסטלער דאָרט אַ בלאַסער.

קומט די נאַכט, די זון פערלעשט זיך,
לויכטען אויף דעם מויער'ס פענסטער,
און דער שוואַרצער וואַסער־שפּיעגעל,
וויט, מיט טויזענד פלאַמען גלענצט ער...

אין אַ ציכטיג, שטילען צימער,
צווישען מוי'רען ריעזעג־הויכע,
ס'רוישען ווילד די גאַסען־קלאַנגען,
וואָהנט אַ יונג־פרוי דאָרט אַ בלויכע...

קומט די נאַכט, די זון פערלעשט זיך,
ס'גלענצען אויף העל־בלאָה די גאַסען,
קומט זי שטיל צום וואַסער־שפּיעגעל,
זעהן דעם קינסטלער דאָרט דעם בלאַסען...

און מיט איינגעהאַלט'נעם אָטעם
קוקט זי טיעף אין וואַסער־שפּיעגעל: —
גאָט! וואָס זעהט זי! — — „ער" שניצט פון שטיין אויס
איהר געשטאַלט — צוויי ווייסע פליגעל — — — —

און ער צערטעלט איהר, ער קושט איהר:
...אַך! ווערסט קיינמאָל, קיינמאָל קומען!...
און איהר לאָקען־קאָפּ בעקרוינט ער,
מיט אַ קרוין פון שוואַרצע בלומען — — —

„אָ! איך קום צו דיר, מיין ליעבער!..."
האָט איהר שטים אין נאַכט געקלונגען...
זי ט'פערשפּרייט די הענד צום אַבגלאַנץ
און צו איהם אין ים געשפּרונגען — — —

www.libtool.com.cn

## דער מאָנומענט

איינגעהילט אין גרינע ווערבעס,
רוהט דעם דיכטער'ס מאָנומענט;
שטאָלצקייט שטראַהלט איהם פון די אויגען, —
אַ נר־תמיד, דוכט זיך, ברענט!...

נאָהנט פון דענקמאַל שפּריצט אַ קלאָהרער,
זילבער־שטראָמיגער פאָנטאַן...
קומט דער אָווענד, זיינען שטענדיג
שעהנע מיידלעך דאָרט פאַרהאַן...

זיצט דאָרט איינס, פון זיי די שעהנסטע,
שטענדיג אומעטיג, בעטריעבט —
ס'דוכט איהר, ז'הערט, דער דיכטער פליסטערט:
„...ס'איז מיין הארץ אין דיר פערליעבט..."

אַלע געהען זיך פאַנאַנדער,
ס'בלייבט דאָס קינד מיט איהם אַליין, —
דריקט זי צו צום ברוסט דעם דענקמאַל,
קושט דעם קאַלטען שטומען שטיין — — —

טרעהרען גיסען שטיל די ווערבעס,
ס'זינגט דאָס קינד בוים מאָנומענט:
„...ווערבעס, גרינע, וויינער ליעבע,
כ'האָב אין אייך זיין זעל' דערקענט..."

ס'בלאָזט אַ ווינטעל אין די בלעטער,
די לבנה שווימט פערטראַכט...
שטיל... עס סוד'ען זיך די שטערען
מיט די ווינטלעך פון דער נאַכט:

„ס'האָט זיין הארץ געברויזט נאָך ליעבע,
האָט קיין פרוי איהם ניט געקושט...
ס'איז זיין הארץ, דער פלאַם פערלאָשען
דריקט די עלענדע איהם צום ברוסט..."

www.libtool.com.cn

# VI

www.libtool.com.cn

# איהר האַרציגער שמייכעל

(פראַגמענט)

געבאָרען איז ער, אין אַ גאָלדענע בעט, אין אַ מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ,
זיין רייכטום איז: פעלדער און וועלדער, פיעל הייזער, פיעל ברייזער
און געלט,

געבאָרען איז זי, אין אַן ענגען, אַן אָרימען הילצערן שטיבעל
איהר רייכטום: אַ האַרציגער שמייכעל, — מאַכט האַרציגער, שעהנער
די וועלט — — —

איז איינמאָל בעגעגענט ער איהר, מיט איהר שמייכעל. זאָגט ער צו
טרוקען:

„כ׳האָב פעלדער און וועלדער און געלט... — נאָר דיין שמייכעל, —
ס׳איז אַלץ וואָס מיר פעהלט...״

„פיין — שמייכעלט זי האַרציג: — וו׳אַ בלום, בליהט מיין שמייכעל,
אין האַרץ פון דעם דיכטער, —
זיין האַרץ טראָגט דעם שאָטען פון וועלדער, דעם זונשיין פון גאָטס
שעהנער וועלט — — —

דער רייכער געהט אום אין זיין מאַרמאָרנעם פּאַלאַץ אין טרויער געבויגען,
זיין גאָלדענע, מאַרמאָרנע וועלט, איז איהם קאַלט און מיט וואָלקען
פאַרשטעלט...

עס בליהט ביי דעם דיכטער, אין זוניגען האַרצען איהר האַרציגער שמייכעל
און קויפען עס קען ניט דער רייכער, פאַר הייזער, פאַר ברייזער און געלט.

www.libtool.com.cn

# ד ע ם מ י ל נ ע ר ׳ ס ט א כ ט ע ר

(באַלאַדע.)

לאַנקעס, וועלדער, טייכלעך, פעלדער,
וואו דיין אויג פאַלט — ס׳גרינט און בליהט..
און אַ קייט פון בערג און וועלדער
און — אַ שטעדטעל אין דער מיט...

קיינמאָל לעשט זיך דאָרט די זון ניט, —
אַט, זי צינדט דעם מערב אָן...
באַלד — זי שטראַהלט צוריק פון מזרח,
אין איהר מאָרגען־ראָזען פאַהן — — —

הויך פון טיעפען בלאַהען הימעל,
קוקט אַראָב דער גוטער גאָט, „
קוועלט: ווי טייכעל, וואַלד און בלימעל,
פרעהט זיך, דרעהט זיך קאַראַהאָד — — —

אייביג גרינט דאָרט אין דעם שטעדטעל,
אייביג בליהט דאָרט, — אייביג מאַי!...
האַרציג זינגט דאָרט מענש און פויגעל,
מענש און פויגעל — פראַנק און פריי...

ניט פאַר גאָלד קויפט מען דאָרט ליעבע,
נאָר פאַר הימליש־זיין אויף דר׳ערד — — —
גאָלד איז דאָרטען אין דער מאָדע,
אויסצוצירען שוואַרצע פערד...

אַלע באָדען זיך ווי ברידער,
אין מאַיאָווען וואַרעם גליק, —
זייער גליק בעזינגען פויגעל:
„פליוורו — — פליוורו — טשריק טשיריק" — — — —

www.libtool.com.cn

צווישען בוימלעך, קוסטעס, שפּילט זיך
אין בעהעלטעניש אַ קוואַל, —
לאַכט ער זילבער־העל, דער שטיפער, — :
— איהם געפינט אַ גאָלדנער שטראַהל...

ווי אַ שלאַנג צו פוסען שטעדטעל,
לויפט אַ זילבער־קלאָהרער טייך; —
פליסטערט שטילע־זיסע סודות,
דעם מאַיאָווען קעניגרייך...

אָווענדס, קומען שטיל די שטערען, —
די לבנה טרוימיש, בלאַס,
און זיי שפּיגלען זיך אין טייבעל
אין דעם קלאָהרען שפּיגעל־פּאַס...

אַלע הערצער ציהט צום שטעדטעל, —
צום גן־עדן פון דער ערד,
נאָר אַריינגעהן אין גן־עדן,
איז ניט יעדערען בעשערט... :

ווייל צו קומען צו דעם שטעדטעל, —
צום מאַיאָווען קעניגרייך,
מוז מען איבערגעהן דעם קלאָהרען,
שטילען,סודות'דיגען טייך...

ס'איז דאָס גליק דאָרט אַזוי נאָהענט, —
דאָך דערגרייכען — גאָט, ווי שווער! — :
טעגליך ווערט דער טייך אַלץ טיעפער: —
יעדער לאָזט אין איהם אַ טרעהר...

www.libtool.com.cn

ניט איין העלד האָט זיך געלאָזען,
אויף דעם וועג צום שטעדטעל געהן; —
אָבער קומט מען נאָהנט פון טייכעל, —
ווי אָהן זינען בלייבט מען שטעהן:

נעבען טייכעל וואָהנט דער מילנער —
מוז מען געהן זיין הויז פארביי —
זינגט זיין טאָכטער דאָרט ביים וואַסער,
איז זי שעהנער פון דעם מאַי — — — —

אינגלעך וואַנדלען דאָרט ווי גייסטער,
איף די פעלדער שטיל בעטריבט —
און די זינגערין, די שעהנע,
וויים ניט, ווער פון זיי זי ליעבט — — — —

שטיל... איהר שטים שנײדט דורך די שטילקייט:
„— — — גאָט, ווי ס'איז מיין וועלט מיר שוואַרץ!...
האָסט מיך געבענשט מיט טויזענד ליעבעס,
געשטראָפט מיך — מיט איין איינציג האַרץ — — —"
— — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# מרים

(באלאדע.)

אויף אַ באַרג, געקרויזט מיט װעלדער,
שטעהט צוואַװאָרפען ס׳קלײנע שטעדטעל...
דאָרט ביים טײך װאָס פליסט, — די װיליע,
װאָהנט ד׳אלמנה חיה־עטעל.

אַלע דאַרפען צו חיה־עטלען; —
דער סטאַרשינאַ און זײן שרײבער,
יונגע בחורים און בתולות,
און דער בעדער און די װײבער...

זי, פערערדט די צײהן — די ערשטע,
גיט די צװײטע — װײבער, מאַנען ; —
און די דריטע — װיל א מקוה,
איז אין שטעדטעלע פאַרהאַנען...

פיעל עסקים האָט חיה־עטעל:
נעהט תכריכים, שפּרעכט עין־הרע׳ס,
נעהמט אַרוים ביי קינדער שרעק׳נים...
(װעניג ז׳דאָ ביי אידען צרות ?...)

איז אַ זאָגערין אין קלײזעל,
און, „מ׳זאָל נישט דאַרפען״, — זאָגט זי װידוי...
דאָך, פון אַלעם איהר פערמעגענס —
ס׳איז איהר שעהנע בת־יחידה...

מרים, הייסט זי, — „שעהנע מרים״...
זי פערמאָגט צוויי שעהנע אויגען...
טהוט אַ דרעה די אויגען מרים —
מוז מען טיעף דעם קאָפּ פאַרבויגען...

www.libtool.com.cn

און איהר גאַנג — עס שוועבט אַ מלאך,
און אַ פרויען־שטאַלט אַ שלאַנקע,
איהרע ראַבען־שוואַרצע לאָקען —
כוואַליעס מינערען זיך בלאַנקע...

---

דאָרט, דערנעבען ביי דער ווילינע,
וואָהנט ר׳ יעקב ראש־ישיבה,
האָט אַ זוהן: „דער שעהנער יוסף״,
קלינגט מיט איהם די גאַנצע סביבה...

אויסער וואָס אַ וואויל־געלעהרטער,
נאָך דערצו אַ גרויסער זינגער...
ווייזט זיך ווען אין געסעל יוסף, —
צייגט מען אָן אויף איהם מיט פינגער...

יוסף ווייס, אַז שעהן איז מרים...
מרים ווייס, אַז שעהן איז יוסף...
ביידען פאַנגט די שטילע ווילינע,
אַלע אָוונד מיט איהר כשוף...

יוסף איז אַ שטילער טרוימער
און אַ צערטליכער, אַ בלאַסער,
גאַנצע אָווענדס זיצט ביים ווילינע,
טרוימט און זינגט, ביים שטילען וואַסער...

מרים און די מוטער „ווילינע״,
וואָס האָט זיי געוויעגט, ערצויגען,
זיי נאָר הערען יוסף׳ס ליעדער,
ווען ער זינגט פון מרים׳ס אויגען...

www.libtool.com.cn

ווען ער זינגט פון וואונדער־לענדער,
פון פער׳כשופ׳טע בת־מלכה׳ס,
וועלכע וואַהנען אין פּאַלאַצען,
וואו עס בליהען ליליען, פּיאַלקעס...

---

טרעפט זיך איינמאָל, אין אַן אָווענד,
ס׳איז געווען פאַר ראש־השנה;
ס׳האָט אַ ווינטעל שטיל געבלאָזען
און געשיינט האָט די לבנה...

געהט דער וואַלד־סוחר דער אַלטער,
פון די פּליטען, — צו פון באָדען?
און * דערזעהן דער שעהנער מרים,
האָט דאָס בלוט איהם אויפגעזאָדען — — — —

יוסף׳ס זיסע האַרץ־געזאַנגען
האָט דעם סוחר צוגעצויגען,
צוגעשמידט זיין האַרץ מיט כשוף,
האָבען מרים׳ס שעהנע אויגען...

און ער פאַלט אויף אַן המצאה; —
שיקט חיה־עטלען צו אַ צעטעל:
„... ביטע, קום צו מיר היינט אָווענדס,
אשה צנועה, חיה־עטעל...“

קומט זי — פרעגט זי: „וואָס? אַ שדוך?...“
„אפשר“, — שפּאַסט זי — „זאָגען וידוי?...“
— נאָך ניט ס׳לעצטע, נאָר — דאָס ערשטע!
ב׳מיין עס טאַקע דיין יחודה!...“

www.libtool.com.cn

און עס פרעהט זיך חיה־עטעל,
איהרע אויגען — ליכטלעך ברענען!
ס׳טייטש ? אַ שמאַלץ־גרוב !... און קיין נדן,
נישט זי׳ט געבען, נאָר נאָך נעהמען !...

שייך אַ שמאַלץ־גרוב ! — : איהר, דער מוטער,
צאָהלט ער צו נאָך טויזענד קאַרבען ! !
אַי — אַן אַלטער ? — : בלייבט אַ קצינה
אויב ער וועט אפילו שטאַרבען...

און זי לויפט וואָס גיכער הערען:
וואָס ט׳אַ שמייגער מרים זאָגען? —
„אַך! אַן אונגליק!...״ ווארפט זיך מרים,
און זי הערט ניט אויף צו קלאָגען; —

„יוסף ליעבער... יוסף שעהנער...
כ׳ליעב נאָר איהם, דעם צאַרטען, בלאַסען...
וואָלסט איהם, מאַמע, הערען זינגען —
נאָר מיט איהם ! כאַטש וועט געהן וואַשען !״ —

„ליעבע... שמיבע!״ — שעלט חיה־עטעל —
„דו פערמאַך דיין מויל דעם טרפ׳ען!
קען מען דען פאַר דעם אין שפּייז־קראָם
ברויט, צי ליכט, אויף שבת קויפען?!״

---

מרים איז אַ קינד אַ צנועה,
און אַ צנועה פאָלגט אַ מאַמען...
טאָמער נישט, צורייסט מען ס׳לייב איהר,
ת׳ יענער וועלט מיט אייזען־קאַמען! — — — —

און עס קוועלט דער אַלטער בחור:
מרים איז זיין ווייב געוואָרען!...
און, ווי ס׳פיהרט זיך : — ס׳איז דאָס פּאָר׳ל
נאָך איטאַליען אַבגעפאָהרען — —

---

www.libtool.com.cn

אין עלענד יוסף'ען פערלאָזט...
און זי — אין בלומען־לאַנד אַוועק...
זייט דאַן איז ער פון זיין געריהרט
און וואו אַ פרויען־שאָטען־פלעק „
„אַך! מרים!" שרייט ער אוים מיט שרעק.

ער וואַנדערט אום אין נעכט אַליין,
אויף אַלע וועגען, הין און צוריק...
עס דאַכט זיך איהם: ער זעהט פון ווייט,
עס שמייכעלט צ׳איהם איהר פייכטער בליק;
זיין מרים ברענגט איהם צ'ריק זיין גליק...

נאַך שווערע טעג, פיעל שווערע נעכט,
אומוואַנד'רענדיג אין פעלד אַליין,
געלעגט האָט ער זיין מיעדען קאָפּ;
ער זעהט: זיין מרים, יונג און שעהן —
זי שטעהט ביי זיין צוקאָפּען־שטיין...

און שטרעקט ער אוים די הענד צו איהר,
פערשווינדט זי פלינק צו מזרח־זייט...
אַהין, וואו ס'ציהט זיין האַרץ שוין לאַנג,
וואו ס'גיסט די זון איהר ליכטיגקייט: —
„אַך, מרים!" — קלינגט זיין שטים אָב ווייט...

ער לאָזט זיך פלינק אַהין, נאַך איהר,
מיט נייעם קראַפט אין האַרץ און מוטה —
נאַר, — פיהלט ניט, אַז דער שטיינער־וועג,
וואָס איז געברענט פון זון ווי גלוט,
ז׳בעפאַרבט פון זיינע פים מיט בלוט...

— — — — — — — — — —

* * *

www.libtool.com.cn

ס'איז קיין גאַנצער יאָהר פערלאָפען
און אַ גאַסט איז דאָ אין שטעדטעל:
מרים איז צו גאַסט געקומען
צו איהר מאַמען, חיה־עטיל...

ניט די מרים, אך, אַ שאָטען!...
איהרע אויגען האַלב פערלאָשען...
קומט די נאַכט, געהט איינזאַם מרים,
ביי דער ווילִיע, — קלייבט דאָרט ראָזען....

און פון ראָזען פלעכט זי קרענץ אוים,
לעגט די קרענץ אויף שטיינער גריבער,
און זי פליסטערט שטיל ווי אין זיך:
„יוסף שעהנער... יוסף ליעבער..." — — —

פלוצלונג ,ס'ברעכט די הענד חיה־עטעל:
וועה צו איהרע אַלטע יאָהרען! —
געשפּאַצירט ביים טייך האָט מרים,
און איז פלוצלונג נישט געוואָרען ־...

ס'לויפט און צלם'ט זיך דער וועכטער:
שנעל! די שטריק! די רעטונגס־רונגען!!
ס'איז די יונגפרוי אונזער סוחר'ס,
אין דעם טייך אַריינגעשפּרונגען!! — — —
— — — — — — — — — —

www.libtool.com.cn

# V

www.libtool.com.cn

## פון דער סעריע ברייוועלעך

אַך, ליעבע מאַמע, פרעגסט: וואָרום כ'האָב
'זוי לאַנג קיין בריוועל נישט געשיקט? — —
— פאַר בענקען ווערט מיין האַרץ צוריסען!
נאָר ס'איז מיין זעל' אין שטיק צופליקט!

איין טהייל געהערט מיין וויעגעל — ליטא,
וואו דו, מאַמע, בענקסט נאָך מיר...
און איינס צו אונזער מוטער רחל,
אין ראָזען מאָרגען־לאַנד, צו איהר...

דו קלאָגסט אַלין: איינער אין אַמעריקא,
דער צווייטער ערגעץ אין פּאַריז;
אויף מיר, דיין דריטען, ווי אין וואַסער,
אַך, גאָט ווייס, גאָט ווייס וואו ער איז? ! —

— איך בין אין מיטען וועלט פערבלאָנדזשעט,
וואו ס'רופען שיידע־וועגען פיעל, —
נאָר איך, דער „פּרינץ" פון צופיעל לענדער,
וועל ערגעץ היימלאָז אויסגעהן שטיל...

---

וואָס מאַכט דאָרט פויגעלע די שעהנע?
די שלאַנקע, מיט דער הויכער ברוסט,
וואָס איהר געשטאַלט פלעג איך פערגלייכען
פון מאָהן־בלומען צום שעהנסטען קוסט...

www.libtool.com.cn

געדענקסט ? כ׳האָב דיר געצייגט אַ מאָהן־בלום, —
אין גאַרטען אין דעם בלומען־קרייז : —
„...שוואַרצ׳חנ׳עוודיג, מיט ראָזע באַקען,
דער האַלז און נאַקען — בלענדענד ווייס...״

מ׳האָט מיר געגריסט פון איהר, פון פייגעל׳ן ;
ס׳איז איהר די שיין פון זון פערשטעלט :
זי בענקט נאָך מיר און קושט אַ פרעמדען — — — —
מיין שולד !... אָך, פינסטער איז מיין וועלט !...

„נישט רייס איהר אויס די מאָהן־בלום, מאַמע״ —
האָב איך צום קוסט דיין בליק געווענדט ;
און — האָט דאָס גליק געבליהט אין הארצען, —
האָב איך צופליקט מיט מיינע הענד !...

כ׳האָב דאָ געהערט אַ קאַטאַרינקע,
אין גאַס — ניין, אין מיין הארץ — ט׳געשפּיעלט...
ס׳האָט מיר געדוכט, איך בין מיט פויגלען,
איהר נאָהנטקייט האָט מיין הארץ געפיהלט...

עס האָט געשפּיעלט דעם זעלבען ניגון,
דאָס טרויער־ליעד פון אונזער גאַס...
כ׳האָב דאָרט געהערט מיין יוגענד קלאָגען....
ס׳איז נאָך מיין אויג פון טרעהרען נאַס; —

---

וואָס מאַכט מיין שוועסטער הינדע־דבורה? —
זי בליהט נאָך, אָדער שוין פערדאָרט ?
צי גרייט זי זיך „איהם״ פאָהרען זוכען?
צי אַלץ זי וואַרט נאָך, אַלץ זי וואַרט ? —

www.libtool.com.cn

און פרעגט דעם קאַטאַרינסטשיקס פויגעל,
ווי לאַנג ס׳וועט זיין איהר מזל האַרט — — —
וואָס קען פון גליק דער פויגעל וויסען? —
אַז נעבעך ס׳איז אין שטייג פערשפאַרט? — — —

---

אַך ,מאַמע, פרעגסט אויף מיינע ליעדער,
וואו האָפנונג האָט געשמייכעלט זיס? —
— עס קלאָגט מיין האַרץ: ווי איך, פערפלאָנטערט
אין עקעלהאַפטע שפינען־פיס...

דו ווייסט דאָך, וואָס אַ מוטער־האַרץ איז...
מיין האַרץ —מיין מוטער־האַרץ טהוט וועה:
פערשטויבטע ליגען מיינע ליעדער,
ס׳פער׳סם׳ט מיין זעל דער שטויב אויף זיי...

איך זעה זיי בלומען פון מיין האַרצען,
בעדעקט מיט שפינען, שפינוועבס, שטויב,
און ס׳קלאָגט מיין זעל׳ פון דאָרט, פאַר שאַנד־וועה:
צי בין איך עס בוים שפין זיין רויב?! — — —

ווי דו זעהסט דיינע שעהנע טעכטער.
פערוועלקען צניעות׳דיגע, ריין; —
ס׳בעוואונדערט קיינער זייער שעהנקייט,
עס זעהט נישט קיינער זייער חן...

יא, מיך און מיינע האַרץ־געזאַנגען,
אונז האַלט געפאַנגען איין שיקזאַל...
דעריבער לעשען זיי דיין גייסט־דורשט...
דען זיי, — דאָס איז מיין טרעהרען־קוואַל.

www.libtool.com.cn

עס קומען אָן אַ מחנה שדים
און שד'יכעס, מיט גרינע האָר, —
זיי ניצען מיך אָנשטאָט אַ בענקעל,
און זינגען אַלע אין איין כאָר:

„אַ מאָל, א מאָל וועט זיין אַ שמחה,
ס'וועט דיין זון אויך נאָך טהאָן אַ שיין...
עס וועלען מחותנים טאַנצען!...
נאָר — ס'וועט שוין דאַמאָלסט דיך נישט זיין!...

וואַקסט אויס פאַר מיר אַ לץ מיט אויגען —
משונה־גרין איז זייער שיין; —
ער סטשערעט אויס די ציוהן, כאַפּט אונטער:
„וועט דיר אין קבר פרעהליך זיין!...”

## א גרוס

דו פאַהרסט היינט, מיין ליעבער, צוריק אין דעם שטעדטעל,
וואָס האָט, ווי אַ בייזע
אַ שטיף־מוטער וויט אין דער וועלט מיך פעריאָגט,
וואָס שטעהט אויף אַ באַרג, ווי אַ גרויסער בית־עלמין,
וואו טיעף ליגט בעגראָבען
דאָס היילינסטע, שענסטע, וואָס איך האָב פערמאָגט; —

פרעג אָן דאָרט ביים קברן: וואו ס'בליהט דאָרט דער קבר
פון „מרים די שעהנע”.
ווי גינגאָלד גערינגעלט געוועזן איהרע פלעכט...
וועסט זעהן אויף איהר קבר אַ יונגינקע ווערבע,
די פרוכט פון די טרעהרען,
וואָס איך האָב פערגאָסען אין לבנה־שיין נעכט...

www.libtool.com.cn

אַ, גרים איהר פון מיר אַט די יונגינקע ווערבע,
דאָס קינד פון מיין טרויער,
אַז איך בין פערוואָגעלט ווייט פרעמד אין דער וועלט, —
דאָך, שטענדיג, כ'דערמאָהן איהר מיט טרעהרען פון האַרצען,
זייט כ'האָב אַנשטאָט מיך, איהר —
אַלס דענקמאַל אויף מירעלעס קבר געשטעלט — — — —

---

דערנאָך געה אַרויס אין אַ גאַס, וועסט זעהן דאָרט
אַ בערגעל פון שטיינער,
גיב איבער פון מיר צו די שטיינער אַ גרוס
דערמאָהן זיי: אַן אָב־נאַכט, געשאַפען פון שטן...
איך האָב זיי בעפאָרבען
מיט בלוט פון מיין האַרץ — — — פאַר צו שטאָלצען פערדרוס!...

זיי האָבען געדיענט מיר אַלס קישען צו קאָפּענס,
ווען איך האָב געוואָגעלט,
אַ יתום אַליין, אין דער אַשמדי־נאַכט; —
זיי זיינען געווען אַ צוהאַרטער צוקאָפּענס,
האָב איך זיי מיט טרעהרען,
וויינ־האַרציגע טרעהרען, זיי ווייכער געמאַכט...

צו מאָרגענס, ווען איך האָב מיט זיי זיך געזעגענט,
איך האָב מיך פערנומען
פון באַרגיגען שטעדטעל צום וואַלד־וועג אַראָב —
מיט הינד האָט אַ פאַסטוכער־מחנה בעגליוט מיך
און ס'האָבען די שטיינער
מיט בלוטיגע קושען בעדעקט מיך מיין קאָפּ... — — —

---

חוץ זיי האָט נאָך קיינער מיט קושען בעליוט מיך,
אַי, טרייע חברים! — — —
ווי זיי אַזוי עלענד בין איך אויף דער וועלט!
ווי זיי, אַזוי האַרט איז, —איז פרוכטלאָז מיין מזל,
ווער עס האָט נעבעך קיין פים —
בלויז דער האָט צו טרעטען אויף אונז נאָך פערפעהלט — — —

www.libtool.com.cn

## בריוועלעך

אָ, מאַמעשי מיינע! איך לייען דיין בריוועל, —
די אותיות ווי טויבען, פערפאָלגטע פון ראָבען!...
דער ווינד, טויזענד הינד, טויזענד נאַכט־איילעס קלאָגען:
„...ניטאָ ווער עס זאָל אונז די טויטע בעגראָבען!" — — — —

דו שרייבסט: וואָס זיי האָבען געטהאָן מיט די טעכטער
פאַר ד'אויגען פון דעם אַלטען ר' יאָסעלע לאַנדע — — —
איך לייען און ס'קלאַפּט מיר אַ צאָהן אָן אַ צאָהן, —
איך ווער רויט, איך ווער בלאַס, פאַר גרויס וועה, פאַר גרויס שאַנדע — — —

איך פיהל, ווי ס'וואָלט עמיץ מיין האַרץ אויסגעריסען
און האָט עס געוואָרפען אין גאַס אויף די שטיינער;
די הינד — קענען זיך מיט מיין האַרץ ניט צוטהיילען! —:
זיי רייסען זיך, בייסען זיך, שטשערען די ציינער — — —

איך לייען דיין בריוועל — דיין שוואַרצע מגילה:
אַ חורבה ז'געוואָרען פון אונזער שעהן שטעדטעל
ס'האָט אָבגעברענט אויך אונזער אַלטינקע שטיבעל?
אַ חלום אַ וויסטער: מיין וויעגעל... מיין בעטעל...

ווי ס'האַרץ טהוט וועה, מאַמע! —: מיין הויז און מיין וויעגעל...
ר' ליוב באַלבירישקער ז'געוואָרען משוגע?...
און זי, אויפ'ן בוידעם אַרויף, — זיך געהאַנגען? —
כ'געדענק איהר ווי היינט: אַ פאַרשוין! אַזאַ קלוגע!...

www.libtool.com.cn

נאָר קוימענס געבליבען! — : „מצבות אויף קברים!״...
אַזוי: זאָגסטו, אַלץ איז אַוועק מיט פייער! — :
די שוהל מיט צעהן „רוינקוקיימס״ אַלץ איז פערשרפ׳עט?...
אפילו להבדיל אויף פעליקס׳עס שייער!?...

נו, וואָס פאַר אַ וואונדער! געווען אַזוי נאָהענט;
שייך נאָהענט! — : אָט כּאַטש מיט דער האַנד צו דערלאַנגען...
אַ, פעליקס׳עס שייער... כ׳דערמאָהן איהם מיט טרעהרען, —
דעם לעצטען שפּאַציער דאָרט מיט רויזלען געגאַנגען...

אַ, גאָט! יענע נאַכט... יענע נאַכט פון מיין ונגשאַפט...
ווי קען איך אין קלאָג־נעכט היינט יענע פערגעסען?
די לבנה ט׳געקוקט מיט אַ מוטערשען שמייכעל,
ווען מיר זיינען שטיל אויף דער קלאָץ דאָרט געזעסען...

אַ קאָץ איז פון דאָך אונז אַריבערגעשפּרונגען,
אַ, מאַמע, ווי רויזעלע האָט זיך דערשראָקען...
האָט נעבעך פאַר שרעק אַזש אין מיר זיך געטוליעט! —
געקושט מיך דעם האַלז און געגלעט מיך די לאָקען...

אַ וואַרימער ווינד האָט געבלאָזען מיט מיענטע,
דערביי האָט דאָס טייכעל געפּלאַפּעלט צופוסען...
ווי שעהן! — — — אַז געוואָלט האָט זיך ניט נאָר מיין רויזלען,
נאָר הימעל און ערד אויך אַרומגעהמען קושען! — — —

.2

יא, מאַמעשי; — ווילסט איך זאָל חתונה האָבען; —
אַ, גלויב זשע מיר, מאַמע, כ׳וואָלט אויך אפשר וועלען,
נאָר ווייסט ווער ס׳געפעהלט מיר? — : מיט פליגעל... אַ מלאך...
נו, מ׳קען מיט אַ מלאך אַ חופה דען שטעלען? —

www.libtool.com.cn

אָ, מאַמעשי מיינע! איך לייען דיין בריוועל...
די אותיות, ווי טויבען פערפאָלגטע פון ראָבען !...
דער ווינד — טויזענד הינד, — טויזענד נאַכט־איילעס קלאָגען :
„דיין האַלב נישט דערקוילעטע יוגענד בעגראָבען" — — — —

אָ, מאַמעשי ! קענסט אפשר דאָרט אין אַ קבר
מיין האַלב נישט דערקוילעטע יוגענד געפינען ?
עס נעהמט מיך אַ קעלט דורך : שבתים... יום טובים...
ביי מיר נאָר — שטיל אונגערען, טרעהרען — זיי רינען — — — —

---

אַ פרעמדער בין איך אין דער וועלט דאָ פערוואָרפען ; —
בלויז איך און דיין בריוועל — — — דער ווינד רייסט דעם פענסטער...
צי פיהרט מען עס יעצט צו דער קבורה מיין יוגענד ?
אַט, ס'ציהט זיך די לויה — — — אַ צייל פון געשפענסטער — — — —

זיי שפּאַטען : „דיין רויזלען ט'דער סוחר גענומען...
און אַלע די מיידלעך געוואָרען שוין ווייבלעך" — — — —
ווי אומעטיג, מאַמע ! ווי טרויעריג, מאַמע !
מיין טויטען־ליעד יאָמערט דער ווינד אויף די שייבלעך — — — —

געדענקסט, זי פלעגט קלאָגען — מיט אמת'ע טרעהרען ! — :
חוץ מיך וועט זי קיינמאָל ניט, קיינעם ניט ליעבען...
דאָך ד'איינציגע ליעבע, פאַר מיר איז מיין עלענד, —
אָ, מאַמע ! איז נאָר אין דיין האַרצען פערבליבען — — — —

www.libtool.com.cn

## מיין מאַמע

נאָך לעבט די העסליך־ווילדע „חיה",
וואָס פאַרבט מיט אונזער בלוט די ים׳ען.
אָ, גאָט! ווער שיצט דאָרט פון דער חיה
מיין אַלטע קראַנקע גוטע מאַמען?

זי׳ט גאָרניט ביי דער וועלט געגומען,
איהר האַרץ און נשמה אָבגעגעבען...
פלעגט יאָמערליך־שטיל־בלוטיג שמייכלען:
„כ׳פערנעהם אומזיסט אַן אָרט אין לעבען" — — —

אַזוי פלעגט זי אונז האַרציג גלעטען
מיט איהרע הענד די אויסגעדאַרטע,
און ס׳פלעגט איהר טרויער־בליק דערצעהלען,
פון יאָהרען וויסטע, אָבגענאַרטע...

---

נאָך לעבט די העסליך־ווילדע „חיה",
וואָס פאַרבט מיט אונזער בלוט די ים׳ען; —
אָ, גאָט! ווער שיצט דאָרט פון דער „חיה",
מיין אַלטע קראַנקע גוטע מאַמען?

www.libtool.com.cn

# VI

www.libtool.com.cn

# נאכט־מאָטיוון

.1

ווינדען וואָיען, גלאָקען קלינגען, —
ס'פאָהרט די פּאָטשט אַרוים פון וואַלד...
וועל איך באַלד איהר בריעף ערהאַלטען ?
אפשר „זי" אַליין קומט באַלד ? —

ווינדען וואָיען, גלעקער קלינגען,
ס'קלאַפּט דער זייגער : טיק־טיק־טאַק...
און דער וועכטער רייסט די שטילקייט,
ווייט אין גאַס דאָרט : קליק־קליק־קלאַק...

און דאָס קלינגען פון די גלעקער
וועקט אַ בענקען טיעף אין האַרץ...
און דאָס קלאַפּען פון דעם וועכטער
מאָהלט מיר בילדער, בילדער שוואַרץ...

ס'בענקט מיין האַרץ נאָך דיר, מיין שעהנע,
ס'פיהלט מיין האַנד דיין לעצטען דריק...
און פאַר בענקען, עלענד, טרויער
קלאַפּט דאָס האַרץ אויך : טיק־טיק־טיק...

ס'זאָל דער זייגער ווייטער קלאַפּען,
איז אויף דעם אַ שליסעל דאָ...
נאָר מיין האַרץ וועט שטיל באַלד אויסגעהן,
כ'פיהל עס קלאַפּט די לעצטע שעה...

www.libtool.com.cn

.2

ס׳אַנטלויפט מיין וועלט, אַך, ליעבסטע, קום,
און ברענג איהר מיט זיך, קינד מיינס, שעהנע,
פערוויעג מיך מיט דיין זיסע שטים,
לעב אויף, מיין הארץ, נשמה ריינע...

קום, צאַרט דריק צו דיין וואַרים ברוסט,
דיין ברוסט, די בליהענדע, צו מיינע...
און ס׳קלאַפּט מיין האַרץ מיט וואַרים גליק,
מיין אָרעם איינגעוועבט אין דיינע...

.3

די לבנה קוקט אין שויב צו מיר,
מיט קאַלטקייט צו דער ערד אַראָב;
דער אומעט נאָגט, איך פריהר פאַר קעלט,
און שווער, ווי בליי, איז מיר מיין קאָפּ...

יעצט רוהט די וועלט... ווי שטיל, ווי וויין...
נאָר נישט פאַר מיר, פאַר מיין קראַנק האַרץ!...
ער רויבט מיין שלאָף, ער רויבט מיין רוה, —
מיין עלענד איינגעפאַסט אין שוואַרץ...

אַך, ליעבסטע, קום! דאָס רופט מיין זיפץ,
צי האָסטו איהם ביי נאַכט געהערט?
מיין אומעט טויטען קען דיין בליק,
דיין ליעבער בליק, — דיין שאַרפעם שווערד...

www.libtool.com.cn

.4

שלאָפט פעלד און וואַלד,
שלאָפט שטאָדט און גאַס,
און טהאָל און באַרג.
און רוהיג, קאַלט
די לבנה, בלאַס
שווינט שלעפריג, קאַרג...

די נאַכט איז גרויס,
די נאַכט איז לאַנג, —
זי האָט קיין ברעג.
ס׳ווערט קאַלט און הייס,
דאָס האַרץ קלאַפּט קראַנק
און ס׳פאַלט אַ שרעק...

עס בענקט און ס׳האָפט
דאָס האַרץ אָהן סוף,
ס׳'געפינט קיין רוה!
יא, אַלעס שלאָפט —
מיין אויג קיין שלאָף
נאָר מאַכט נישט צו...

www.libtool.com.cn

## אַ מיידעלע

אַ מאָל ז'געווען אַ מיידעלע,
אַ צערטליכע, אַ שעהנינע.
עס האָט פארמאָגט דאָס מיידעלע
אַ נשמה'לע אַ רייגינקע.

עס האָט געליעבט זי חיים'על,
און יענקעלע, און משה'נקע,
איין בליק איהרער — און ס'צאַפּלען זיך
די הערצעלעך, די הייסינקע, —

ווי ס'צאַפּעלט זיך אַ בלימעלע
פון ווינטעלע דעם קיהלענקען,
ווי ס'צאַפּעלט זיך אַ פישעלע
אין טייכעלע דעם שטילענקען...

נור, ווי עס קען אַ פישעלע
אין וואַסער'על נור פיהלען זיך,
אַזוי געפיהלט האָט ס'מיידעלע
מיט הערצעלעך צו שפּיעלען זיך.

און ס'האָט אָט דאָס נשמה'לע,
דאָס צערטליכע, אונשולדיגע,
צובראָכענקעט פיעל הערצעלעך,
צו־הייסע, אונגעדולדיגע !...

אַ, ווער ווייס וויפיעל הערצלעך ס'האָט
צובראָכענקעט די רייגינקע,
ביז ס'האָט אַליין אין ג'ריכט פערקלאָגט
פאַר „בראָכען־הארץ", די שעהנינקע ? — — —

www.libtool.com.cn

# האַ! האַ! די רויז וויל ווערען אויסגעריסען

(באַללעט)

די לאַנקע האָט געבליהט
מיט גינגאָלד געלע בלומען,
און אויפגעהערט האָט ניט
דער גרינער וואַלד צו זשומען,
בין איך צו רייסען צוויט
צום גרינעם וואַלד געקומען
האָב איך ווי א בלום געבליהט —
איז ער צו מיר געקומען,
און מיך — ווי איך דעם צוויט
פון בוים אַראָבגענומען,
און טוז! מיט מיר ער פליהט —
אין גאָרטען צו דער מוהמען.

זאָגט ער צו מיר:
מיין שעהנע רויז!...
זאָג איך צו איהם:
נישט רייס „איהר" אויס! — — —

אָי ווערה, אָי ווערה!
ער האָט מיך נאָך נישט אויסגעריסען!
אָי ווערה, אָי ווערה!
ווי מיינע קלאָהרע טרעהרען פליסען! — :
עס איז שוין צייט!
דו שלעכטער — שלעכטער דו!
חאַ־חאַ־חאַ! — פאַר וואָס זאָלסטו נישט ווי סען?
עס איז שוין הערבסט,
מיין גוטער — גוטער דו! —
אַח־חאַ־חאַ! — די רויז וויל ווערען אויסגעריסען! — — —

www.libtool.com.cn

## דער אָדעסער טענצער׳ל

(פאָלקס־ליעד)

עס איז געקומען פון אָדעס
אַ שוסטער פון שטיוולעטען,
האָט ער דערלאַנגט אַ זעץ אין טיש:
„מ׳זאָל קאָכען באָרשט מיט קאָטלעטען!...״

אָי, וועה, איז ער געווען אַ טענצער־יונג,
דערצו נאָך אַזאַ יונג אַ שעהנער;
אוי, פלעגט ער מיך אַרומכאַפּען —
אַזש ס׳פלעגען טרעשטשען מיינע ביינער.

אָי, וועה! זיין טאַנצען אַ קאַדריל!
זיין דרעהען זיך אין רעדער!
אַרום מיין טאַליע פעסט זיין האַנד
און איך פלעג פליהען ווי אַ פעדער...

דאָרט אויפ׳ן גרינעם שעהנעם בריק
אָי, זיינען מיר געגאַ׳ן שפּאַצירען, —
גיט ער אַ פּאַטש אין דער כאָלאַווע:
„מיר׳ן זיך ביידע פאָטאָגראַפירען!״

געוועהט האָט אַ גן־עדן־ווינטעל,
אין טייך געקוואָקט האָבען די זשאבעס,
ער וועט מיך האַלטען — ט׳ער געזאָגט —
אָי, הייליג, ווי דעם טאָג פון שבת...

www.libtool.com.cn

ער האָט מיך אַזוי זיס געקושט,
מיט זיינע שטעכעדיגע וואָנצעס
אָי! ביז ער האָט דאָך מיך פערפיהרט
אַזש ביז צום וועג פון יעגלימאָנצעס...

אָ, כ'אָלט מיך אָבדאַרען די הענד,
וואָס כ'האָב ביי איהם גענומען ס'רינגעל!
ער'ט מיך פערפיהרט פון גלייכען וועג, —
כ'אָלט אָבדאַרען זיין גלאַטער צינגעל!...

ער האָט געזאָגט, ער'ט זיין מיין מאַן
און איז געוואָרען שוין מיין חתן,
האָט צוגענומען מיין נדן, —
צוויי הונדערט קערבלעך, ווי איין גראָשען!...

אַ חושכ'דיגער יאָהר אויף איהם,
אָי! ווער האָט זיך געקענט גאָר מערקען,
אַז ער וועט מיך, אַ חסיד'יש קינד, —
פערקויפען צו די שוואַרצע טערקען?! —

www.libtool.com.cn

## תשעה־באב ביי מיר...

אַ צייט ביי מיר — פון תשעה־באָב... —
אַך ! תשעה־באב איז יעדער טאָג... —
איך שלייך זיך אום אַרום דיין הויז
ווי אַן אבל און איך קלאָג...

געווען דיין הויז — מיין מוטער־הויז,
וואו ליעדער־קלאַנג האָט מיך פערוויגט...
און היינט איז עס — מיין קבר היינט ! —
וואו מיין האַרץ בעגראָבען ליעגט — — —

די גאַנצע שטאָדט, אוי, אַלע ווייסען,
אַז דו האָסט מיך פון דיר פערשטויסען...

וואו אַ פענסטער, וואו אַ טהיר,
אַלע לאַכען זיי פון מיר ; —
וואו אַ פענסטער, וואו אַ טהיר,
רעדט מען וועגען מיר און דיר...

ס'וועט קיינער קענען צוקומען
צו דיין געצעלט — מיין קעניגרייך ! —
דען איך, וועל פון מיין טרעהרען־קוואַל
דאָ אויסגיסען אַ טרעהרען־טייך ; —

דער וועג, וואָס פיהרט מיך צו דיין הויז,
איז שוין פון מיינע טרעהרען נאַס ; —
מיין האַרץ שווימט אין די טרעהרען דאָ —
צוטרעטסטו עס ווען ד'געהסט אין גאַס — — —

פאַר גרויס געלעכטער קייכט דער שטן :
„...אויסגעבעטעלט — און — צוטראָטען...”

וואו אַ פענסטער, וואו אַ טהיר,
אַלע לאַכען זיי אויס מיר ; —
וואו אַ פענסטער, וואו אַ טהיר,
רעדט מען וועגען מיר און דיר — — —

www.libtool.com.cn

## מיין שעהנע מירעלע

איהר קלוגע שטערן־זעהער, גוטע מענטשען,
צו האָט איהר נישט געזעהן וואו ערגעץ גלענצען
מיין גאָלד'נעם שטערן? —
מיין שעהנע מירעלען? — :

כ'בין אויסגעווען וואו ס'איז אַ לאַנד פאַראַנען,
געלאָזט זיך אין דער וועלט מיט שיפען, באַהנען,
נישטאָ מיין שטערן —
מיין שעהנע מירעלע!...

איהר וואַנד'רער עלענדע, דורך הערבסט־נעכט, רעגען,
צ'האָט אייך אַ מאָל בעלויכטען אייערע וועגען,
מיין גאָלד'נער שטערן —
מיין שעהנע מירעלע? — :

געווען איז דאַן אַ הערבסט־נאַכט... ס'האָט גערעגענט,
האָט מיך פערלאָזען עלענד, אונגעזעגענט,
מיין גוטער מלאך, —
מיין שעהנע מירעלע!...

איהר דאָרפס־לייט בראַווע שניטערינס און שניטער,
וואָס אַרבייטען אין פעלד, אין זונשיין און געוויטער,
צ'האָט איהר בעגעגענט
מיין שעהנע מירעלען? —

www.libtool.com.cn

איהר קאָפּ בעשטראַהלט פון זונען־אונטערגאַנגען,
דערטרונקען אין דעם ים פון גאָלד׳נע געזאַנגען,
צי וואַרט אויף מיר דאָרט
מיין שעהנע מירעלע? — — —

סמנים, אום אַז איהר זאָלט זי דערקענען:
די אויגען, צוויי יום־כפור־ליכט שטיל ברענען,
דאָס איז מיין גוטע,
מיין שעהנע מירעלע!...

פערמאָגט אַ שעהן־געלאָקטען קאָפּ אַ שוואַרצען,
זי קוקט — נישט מיט די אויגען — מיט׳ן האַרצען,
דאָס איז מיין האַרציגס, —
מיין שעהנע מירעלע!...

אויב עמיצער פון אייך וועט זי געפינען,
אָך, זאָגט איהר, אַז איך בין געריהרט פון זינען,
אַז שטענדיג כ׳רוף איהר:
„מיין שעהנע מירעלע!" — — —

אַז כ׳געה אַרום אין גאַס די קליידער צ׳ריסען,
און כ׳קוש אַ פּרויען־בילד — — זי וועט שוין וויסען,
זי וועט פערשטעהן וועם —
מיין שעהנע מירעלע!...

נאָר זאָגט איהר נישט, אַז זייט כ׳האָב זי פערלאָרען —
האָט זי פערשניטען מיינע יונגע יאָהרען,
זי וועט זיך קלעמען —
מיין שעהנע מירעלע!...

www.libtool.com.cn

נאָר זאָגט איהר: דורך די שוואַרצע יאָהר, די זיבען,
האָב איך אַ רויטען־ליעדער־בוך געשריבען,
מיט בלוט פון האַרצען —
מיין שעהנער מירעלען — — —

נישט זאָגט איהר: כ'בין צובראָכען ווי אַ שאַרבען;
נאָר — איידער כ'געה אין קבר, פאַר'ן שטאַרבען,
וויל זעהן מיין האַרץ איהר, —
מיין שעהנער מירעלען!...

www.libtool.com.cn

# VII

www.libtool.com.cn

# מזרח

## א.

מיין ווייטער פאַר׳חלום׳טער, זוניגער מזרח,
אַן אייביגע רעטעניש בלייבסטו פאַר מיר!
אַזוי ווי אַ בעטלער פאַר׳ן קעניג׳ס פּאַלאַצען —
קלאַפּט ציט׳ריג מיין הארץ פאַר דיין זוניגער טיהר... — — — —

מיין מזרח־בלוט פיהלט איך בין איינער פון דיינע —
וואָס ד׳זון וויעגט זיי איין און די זון וועקט זיי אויף.
דאָרט, בלאָנדזשעט מיין זעל פאַר דיין זוניגעם פענסטער,
דאָ — בלאָנדזשעט אום פרעמד אָהן אַ זעלע מיין גוף...

און דאָ איז בעהויכט אַלץ מיט פּראָסטיגער פאַלשקייט —
דער מערב איז פרעמד מיר און לאַנגווייליג קאַלט...
דאָ זענען די מענשען פאַלש, קאַלט און צוטראָטען,
אַזוי ווי דער שניי אויף די גאַסען וואָס פאַלט...

אַ מזרח! דו זוניגער גאָרטען פון ליעבע,
דיין פיהלען איז זוניג און היים — דיין פערלאַנג,
אָ, מזרח! דו וויעג פון נבואה און טרוימען, —
דיין ליעד איז ליעבהאַרציג, און טיעף דיין געזאַנג...

שטיל, סודות׳דיג. סודות׳דיג מאַניעט דיין כשוף —
דו זונען־באַגאָלדעטער ווייטער אָריענט!
עס פלאַטערט מיין זעל, ווי אַ טויב, פאַר דיין פעסטונג,
צובלוטיגט אָן זיינע געהיימספולע ווענד — — — —

www.libtool.com.cn

ב.

ניִשט אומזיסט, —

ניִשט אומזיסט בענקט מיין זעל' נאָכ'ן ראָז־ווייסען מזרח; —
כאָטש מערב־גלאַנץ האָט מיינע אויגען געבלענדעט; —
האָסט פאַרכשופ'ט מיין הארץ, עס איז מזרח געפאַנגען...
דאָרום איז מיין בליק אַלץ צום מזרח געווענדעט... — — — —

יעדע נאַכט, —

יעדע נאַכט ווען אַ שלייער פון וואַך־און־האַלב־דרימעל
פערשפּרייט זיך מיר לייכט אויף די שלאָפּלאָזע אויגען —
קומסטו שטיל, אין געשטאַלט פון אַ מלאך פון הימעל,
דיין קאָפּ איבער מיינעם אַריבערגעבויגען...

האַלב פאַרמאַכט, —

האַלב פאַרמאַכט דיינע גוטע, די הארציגע אויגען,
פאַרבראָכען די הענד — אַנגעלעהנט אַנ'עם שויבעל;
האַלב פערוואָרפען דיין מאַיעסטעטישער קאָפּ, ווי אַ ווייסעס,
אַ מילדעס, אַ האַלב ניִשט דערקוילעטעס טויבעל...

ס'רינען פרום, —

ס'רינען פרום אויף מיין פּנים פון דיינע שווארץ־ברעמיגע
אויגען, רייגע, צוויי הייליגע טרעהרען...
זיי צערינען זיך לאַנגזאַם, ליעב־הארציג און כ'פיהל זיי:
אַזוי ווי דיין קוש אויף מיין אויג, אויף מיין שטערען — — — —

ס'בלאַנדזשען אום, —

ס'בלאַנדזשען אום מיינע דורשטיגע אָרעמס צו דיר צו...
ניִשטאָ דיך... און ס'עפנען זיך ברייט מיינע אויגען — — —
ס'קוקט דער גראָהער פאַרטאָג מיך אָן פרעמד דורכ'ן שויבעל:
„...איז געווען און צום מזרח־זייט ווייט ווייט פערפלויגען...“

ניִשט אומזיסט, —

ניִשט אומזיסט בענקט מיין זעל' נאָכ'ן ראָז־ווייסען מזרח; —
כאָטש מערב־גלאַנץ האָט מיינע אויגען געבלענדעט —
האָסט פאַרכשופ'ט מיין הארץ, עס איז מזרח געפאַנגען!
דאָרום איז מיין בליק אַלץ צום מזרח געווענדעט — — —

www.libtool.com.cn

ג.

יא, יא, — מיין פרעהליכע פון לבנון־וואלד —
איך קום צו דיר, מיין ליכטע אינד! —
דער הייסער מזרח האָט געבוירען מיך;
איך בין דאָס פרייעס מזרח־קינד,
וואָס קאָכט, וואָס ברענט אין מיר ווי גלוט
דאָס ברענענדיגעס מזרח־בלוט,
געברענט פון מזרח־הייסע שטראַהלען...

עס האָט אַ שווערד אַ מאָל מיין לענד געגורט
וואָס וויים געשראָקען האָט זיין שאַרף!...
עס האָט מיין מוטהיג הארץ אַ ליעד פערמאָגט
און וויים געקלונגען האָט מיין האַרף!...
און דורשט דער שונא, נאָך דיין בלוט —
בין איך נאָך היינט אויך גרייט מיט מוטה,
פאַר דיר, מיט'ן שווערד אין האַנד צו פאַלען!...

ס'געהט אויס מיין האַרץ נאָך דיר, מיין מזרח־קינד, —
דו בלום, פון מזרח־זון געברענט!
דען כ'האָב אינ'ם אַדלער־שטריך פון דיין געשטאַלט,
מיך זעלבסט דעם מזרח־קינד דערקענט!
דו קענסט דאָס ליעד פונ'ם נאַכטיגאַל?
ביים ירדן־טייך, ביים וואַסער־פאַל?

אין נעכט, ווען ס'וואָיען די שאַקאַלען? —

— עס האָט דער שיקזאַל־שווערד פערטריבען מיך,
פון דאָרט, אַהער אין דערנער־לאַנד!...
און פון דער מזרח־זון, פערשטעלט האָט מיך
אַנ'עביג־גראָהע נעבעל־וואַנד!...
עס ווערט מיין האַרץ, פאַר דורשט פערברענט!
עס בענקט מיין מזרח־גייסט אָהן ענד,
**נאָך יענע מזרח־פרישע קוועלען** — — —

www.libtool.com.cn

## ת ש ע ה ב א ב

.1

עם זעגענט זיך טרויריג די זון מיט'ן שטעדטעל,
אַ בענקענדע ראָזקייט האָט מערב פערשפּרייט...
ס'דערטרינקט זיך די זון אין דעם ים פון איהר בענקשאַפט
און צינדט הינטער זיך אָן דעם הימעל אויף רויט...

און ס'דוכט מיר: איך זעה אין דער רויטקייט, ווי ס'פליהען
דעם שונא'ס חילים, אַרויף און אַראָב...
ווי פייגעלעך, קינדער, צוריסען אויף צווייען — — —
אַ בלוטיגער נעבעל — דער נײַנטער אין אָב...

ס'ענטפּלעקט זיך פאַר מיר ירמיהו אין טרויער,
עס גליהען די אויגען ביים נביא ווי גלוט:
„...די רויטקייט, מיין קינד, ס'איז די רויטע געשיכטע,
וואָס ס'האָט זי פאַרשריבען דיין פאָלק, מיט זיין בלוט!..."

עס רוישען די בוימער פון אַלטען בית־עולם,
די הייזלעך פון שטעדטעל, זיי האָרכען פערקלעהרט;
און צווישען די קברים קלאָגט עמיץ דאָרט איכה:
„פערברענט איז מיין מקדש, פערראָסט איז מיין שווערד!"

עס שפּרייטען זיך שאָטענס אַלץ דונקעלער, שוואַרצער,
עס רוקט זיך פון וועלדעל אַלץ נעהנטער די נאַכט;
און ס'דוכט מיר, עס בלאָנדזשען דאָרט אום די נשמות
פון יהודה'ס קדושים, פערחלום'ט, פערטראַכט...

פערבלייכט זיך די רויטקייט, בעקרוינט זיך דער הימעל
מיט שטערען לבנה — גאָלד־זילבערנעם גלאַנץ...
נאָר מיך שטעכט אין האַרצען: דאָס יובעלט דער שונא...
ער טאַנצט אויף מיין חורבן, זיין זיעגרייכען טאַנץ — — —

www.libtool.com.cn

עס צינדט זיך אַ שייבעל — נאָר ווערט באַלד פערלאָשען...
ס'פערשפּרייט זיך דער טרויער אַלץ ברייטער אין גאַס...
עס שלייכען זיך אידען, אבלים אין זאָקען,
און זיפצען: „פערפּאַסט שוין אַ בייגעל מיט אַש..."

איך זיץ מיט מיין פאָלק אין דעם פינסטערען קלייזעל,
געבויגען מיין קאָפּ צו דער ערד און איך קלאָג;
עס טרילערט דער נאַכטיגאַל נאָהנט אויף אַ ווערבע,
איהם טרוימט זיך אַ צוקונפט, אַ שטראַהלענדער טאָג...

עס רייסט זיך אַריין דורכ'ן פענסטער אַ ווינטעל,
צומישט זיך אַ ריח פון חלב און גראָז...
עס טראָגט זיך פאַנאַנדער דער „איכה" אויף פעלדער,
צומישט זיך דער טרויער מיט'ן קוואַקען פון פראָש...

.2

דו, מיין פאָלק, וואָס דיין שטאָלץ איז געגליכען
צו די צעדער אין וואַלד פון לבנון,
וואָס דיין שווערד און דיין שטאָלץ האָט פארטיליגט
פיעל מעכטיגע הערשער און טראָהנען, —

זיצסטו הייגט אין דעם פינסטערען קלייזעל,
טיעף געבויגען ערנידערט צו דר'ערד...
געבראָכען דער שטאָלץ פון דעם צעדער, —
צובראָכען, פערראָסטעט דער שווערד!...

און עס קלינגט אין דעם בראָך פון דיין שטאָלצקייט
פון געפייניגטע קינדער די קולות
„פערוויסטעט די וועגען פון ציון" — — —
און דו, ריכסט אָב יעהרליך אבלות!

דו גורטסט אָן דיינע לענדער און קינות, —
דיין חלב־פערפלעקטעס געוועהר!
אָט דאָס איז דיין שווערד און דיין פאַנצער;
צום פאַנצער 'נשטאָט בוימאויל — דיין טרעהר!...

www.libtool.com.cn

.3

מיין אונגליליך פאָלק, — אָ! מיין מזל, מיין שטערען,
וואָס צאַנקט וואו אין הימעל איז עהנליך צו דיינעם; —
פערשלייערט אין טרויעריגע שוואַרץ־גרויע וואָלקען,
פערשאָלטען אז פינסטער זאָל אייביג עס שיינען!...

ווי דו אויך מיין פאָלק, כ'וואָגעל אום אויף דער וועלט דאָ —
אַ חלום אַ וויסטער געשאַפען פון שטן! —
די שעהנסטע מקדשים, וואָס כ'בוי אין מיין האַרצען,
זיי ווערען פון אונרייינע טריט באַלד צוטראָטען...

ווי דו אויך מיין פאָלק „ כ'האָב ווי הבל געאָפפערט
דאָס בעסטע — — דאָס שעהנסטע, וואָס שאַפט נאָר מיין רעיון,
דערפאַר האָט די קין־וועלט אונז נאָך פער'משפט
צו טראָגען איהר וואַנדער־שילד — „אייביגער קין!" — —

און בוי איך אַ טעמפעל צו זינגען מיין שירה —
די האַרפע אין האַנד — קומען פריינד און צושטערען! —
און אייביג שווימט אום אַלץ מיין האַרפע צובראָכען,
ווי דיינע, מיין פאָלק, אין די אייגענע טרעהרען — — —

דעריבער, מיין נע־ונד־פאָלק, ווען דו טרויערסט
אין תשעה־באב אויף דיין חורבן דעם שוואַרצען —
אַך, דוכט מיר, דו טרויערסט מיין יאָהרצייט —דיין יאָהרצייט —
פון יעהרליכען חורבן, וואָס ס'הערשט אין מיין האַרצען! — — —

א. י. קריזאווסקי

www.libtool.com.cn

## גאָט שיצט מיין פאָלק פון אונטערגאַנג

דער גרויסער, שטאַרקער גאָט אין הויכען הימעל
וואָס שטראַהלט מיט גנאָד אַראָב פון הויכען רוים,
גינגאָלדיג־העל אויף ליטא׳ס שוואַכעם בלימעל
און אויף לבנון׳ס שטאַרקען צעדער־בוים.
דער גאָט, וואָס שיצט דעם טיעף־געבויגענעם זאַנג,
ער שיצט מיין איביג פאָלק פון אונטערגאַנג.

עס זענען פעלקער שטאָלצע אונטערגעגאַנגען,
זיי האָבען מיט׳ן שווערד בעהערשט די וועלט,
האָט זיי דער שווערד פערשניטען ווי די זאַנגען
פון שניטער־סערפּ אין זון־בעשטראַהלטען פעלד.
ס׳איז בלויז געשיצט דער פרוכטבאַר־שווערער זאַנג —
עס איז געשיצט מיין פאָלק פון אונטערגאַנג! !...

יאָהר־טויזענד האָט די וועלט פערהאַסט דעם אמת,
יאָהר־טויזענד האָט די וועלט פערהאַסט דעם איד,
דאָך זעה: די וועלט בעדאַנקט שוין דאָס פאָלק וועמעס
משיח־טאָן אין נייעם פרייהייטס־ליעד
קלינגט אָב פון אַלע וועלט־טהייל מיט געזאַנג:
די וועלט איז פריי, דער איד איז פריי פון צוואַנג! ! — — — —

## צום נייעם יאָהר

(געווידמעט יעדען ביילים פון יעדען דור.)

מיין פאָלק, נישט ווינשען קען איך הייגט, —
עס איז צו טיעף די וואונד אין האַרץ! —
אויב ווינשען יא, — דאָס נייע יאָהר
זאָל כאָטש נישט זיין ווי ס׳אַלטע שוואַרץ!...

דאָס אַלטע יאָהר פון בלוטיגקייט
האָט מיך געלערענט קללות נאָר!
מיין האַרץ פערמאָגט זיי טויזענדער
פאַר אונז׳רע פיינד צום נייעם יאָהר!...

www.libtool.com.cn

# דעם זיידענ׳ס ברכה

(זכרונות.)

אַ דונקעלער בענקענדער טאָג איז געווען...
עס האָבען זיך וואָלקען אָהן זינען געשלעפּט...
געקלאָגט האָט יום־כפור׳דיג, טרויערי׳ג דער ווינד...
ביים וואַלד האָט די נאַכט שוין איהר שלייער געוועבט...

נאָר פאַר׳ן פאַרגעהן האָט די זון, ווי אַ שרפה
צום וואַלד זיך פון הינטערן וואָלקען גערוקט...
און האָט אַזוי טרוי׳ריג מיט געלבליכע שטראַהלען,
ווי קרענקליכע בליקען, אין פענסטער געקוקט — — —

אַ טרעהר איז געפאַלען ביים זיידען פון אויג,
אויף זיין שניי־ווייסער באָרד, ווי אַ קלאָהרער בריליאַנט...
ער האָט ווי צום הימעל פערשפּרייט זיינע הענד...
און נאָכגעקרימט האָט איהם דער שאָטען פון וואַנד — — —

אָ, גאָט! וויפיעל וועה, וויפיעל וועה ס׳האָט זיין פנים
האַלב־שמייכלענדיג־וויינענדיג טיעף אויסגעדריקט!
מיין קינדיש האַרץ איז פערגליווערט געוואָרען פאַר שרעק,
כ׳האָב מיין זיפץ מיט׳ן זיידענס צום הימעל געשיקט — — —

עס האָט איהם אַ זון־שטראַהל געקושט זיין געזיכט,
זיין באָרד האָט ווי גאָלד און ווי זילבער געגלאַנצט...
און ווען ס׳האָט דער זיידע געצונדען דאָס ליכט, —
האָבען פלאַמען ביי איהם אין די אויגען געטאַנצט...

דערנאָך האָט ער ליעבליך צו מיר זיך גענויגט...
און האָט מיך מיין פנים ווייך האַרציג געגלעט...
געשעפּטשעט... די הענד אויף מיין קעפּעל געלעגט...
ס׳האָט עמיץ געהויבן אין מיין הערצעל גערעדט — — —

www.libtool.com.cn

## חנוכה-ליכטלעך

עס שיינען די ליכטלעך פער׳חלום׳ט פון פענסטער,
מיט הייליגער שטילקייט אין געסעל אַריין, —
און ס׳דוכט זיך זיי סוד׳ען : — „ניין, קינדער, נישט לייכטען,—
נאָר וואונדער דערצעהלען וועט אייך אונזער שיין : —

„...געווען איז אַ פאָלק, ס׳האָט זיין נאָמען, זיין שטאָלצקייט
געקלונגען אויף אַלע פיער ברעגען פון דר׳ערד.
אַ פרעמד פאָלק איז געקומען, זיין האָלץ־העקער ווערען... —
דען, ווייט האָט געשראָקען דער קלונג פון זיין שווערד...

געגליבען געווען איז דאָס פאָלק צו דעם אָדלער ;
זיין תורה, — דעם אָדלער׳ס, — דער הימעלשער רוים...
דער שטאָלץ פון איין גאָט, האָט געבליהט אין זיין האַרצען ;
זיין מקדש — דער נעסט פון זיין געטליבען טרוים...

„מיר, טרוימישע שטראַהלען, וואָס שיינען פון פענסטער
אַריין אין דער נאַכטיגער פינסטערער וועלט, —
דאָס שטראַהלט די נשמה, צום אייביגען יאָהרצייט,
פון יהודה המכבי, דעם זיעגרייכען העלד...״

עס האַרכען די שטערען די ליכטעלעך־סודות
און סוד׳ען זיך ערנסט פון הימעל פערטראַכט : —
„...געווען איז אַ העלד, האָט פאַר פרייהייט געשטריטען ;
דעם שונא בעזיעגט, מיט זיין צו־שטאָלצער מאַכט.״ —

www.libtool.com.cn

## שבועות

(זכרונות)

שעה:נער פריהלינג־יום־טוב שבועות,
ליעבסטער יום־טוב פון מיין קינדהייט;
ס'הערצעל צאַפּעלט זיך פאַר שמחה,
פול מיט האָפנונג וועהט דער ווינד הייגט...

„ווייסט, מען מעג שוין, קום זיך באָדען!" —
זאָגט צו מיר מיין ברודער מאָטקע;
כ'שפּרינג פון טייבעל אויף דער לאַנקע...
ס'ברענגט דער שניידער מיין קאַפּאָטקע...

אויסגעבאָדען, אָבגעשאָרען...
ס'באָמבלען פּאות'לעך — צוויי גלעקלעך...
כ'פיהל דאָס הערצעל פּלאַצט פאַר פרייד אַזש,
כ'לויף און ס'פּלאַמען מיר די בעקלעך...

ס'רופט די זון: „נו, לויף אין געסעל..."
אָט איז חיים'קע געקומען! ..
כ'לויף מיט איהם אין גרינעם וועלדעל,
ברענגען גרינסען, מאַי און בלומען...

כ'וועל זיי איינשטעקען אין באַלקען,
שעהן און שמעקעדיג, מחיה...
ס'האָט די מאַמע שוין אַ טישטוך
אויפ'ן טיש פערשפּרייט אַ נייע...

www.libtool.com.cn

ס׳גלעט מיך האַרציג־ווייך דער טאַטע:
געה, מיין גדולה, טהו אַ דרימעל,
כדי, מיין זוהן, זאָלסט נישט פערשלאָפען,
ווען ס׳וועט שפּאַלטען זיך דער הימעל...

און דערהיטסטו ווען ער שפּאַלט זיך, —
דאַרפסטו מעהר נישט „כל טוב!“... זאָגען; —
ווערסט אַ גרויסער גביר! — אַן עושר!..
רענדלעך — פעסער וועסט פערמאָגען!...

שעהנער פריהליג־יום־טוב שבועות,
ליעבסטער יום־טוב פון מיין קינדהייט;
ס׳שיינט די פריהלינג־זון אין הערצעל...
פיל מיט האָפנונג וועהט דער ווינד היינט..

## קבלת שבת

דאָס טייכעל זינגט קבלת־שבת;
נשמה־יתירה׳דיג... שבת׳דיג שטיל...
דעם אָטהעם האַלט איין ווי מיט עהרפורכט די מיהל: —
דאָס טייכעל זינגט קבלת־שבת...

מען איילט זיך צו קבלת־שבת...
מיט אידען אין זיידענס, דאָס שוהל־געסעל פול...
עס ציהט זיך אַ זייד־שנור, פון געסעל ביז שוהל: —
מען איילט זיך צו קבלת־שבת...

באַלד קומט די כלה: „מלכה שבת“ —
און ס׳גרייטען זיך אַלע, סיי יונג און סיי אַלט...
ס׳פערנויגט זיך די זון — — ז׳האָט בעגעגענט ביים וואַלד
די אייביג־יונגע, מלכה שבת...

www.libtool.com.cn

# ליכט בענשען

ווען עס שטראַהלט אָב דער לעצטער, דער גוסס׳ער זון־שטראַהל
דאָרט הויך אויף דער שוהל, אויף דער אויבערשטער שויב;
בעציערט זיך די מאַמע, אין ד׳אוירינגען, — רינגען,
טהוט אָן אויף איהר קאָפּ דעם געהאַפּטעטען הויב...

זי שטעקט איין די ליכט אין דער „שבת־מנורה",
דאַן טהוט זי אַ זיפץ און צינדט אָן שטיל די ליכט;
פערבאָרגט זיך די אויגען פון ד׳בייזע מלאכים — — — —
און ס׳ציטערט אַ טרעהר אויף איהר בלאַסע געזיכט...

און אַזוי יעדע וואָך, ווען עס קומט אָן דער שבת,
פערגיסט זי אַ ריינע, אַ היילינע טרעהר...
אַך, גאָט! וואָס בעדייטען די טרעהרען מיין מאַמעס? —
וואָס קווילט עס, וואָס דריקט אין איהר האַרץ אַזוי שווער?...

איז אפשר דערפאַר, ווייל דער „קץ", די גאולה, —
דער וועג פאַר משיח איז אַלץ נאָך פערשטעלט?...
און אפשר פאַר בענקשאַפט, נאָך אונז, איהרע פויגעל,
וואָס זענען פערפלויגען פון איהר אויף דער וועלט?

אַך, טרעהרען מיין מאַמעס, וואָס ציטערען, לויכטען
ביים שיין פון די שבת׳דיג־הייליגע ליכט; —
בייטאָג אויפ׳ן וואַהר און ביינאַכט אין מיין חלום,
ענטפּלעקט איהר אייך שטענדיג פאַר מיר אונגעריכט — — —

www.libtool.com.cn

# VIII

www.libtool.com.cn

## צווישען די מאשינען

יונג און שטיפריש ווילד — א סאָרנע.
צאַרט און טרוימעריש — א פּיאָלקע...
שטראַהלט די מילדקייט איהר פון פּנים —
א לעגענדישע בת־מלכה...

און איהר מיידעל־ווייכע שטימע —
ס'וואָרקעט זיס א יונגעם טויבעל...
אָדער: ס'דוכט זיך, אַז דער פריהלינג
קוקט אַריין צו „איהם" אין שייבעל —

ס'איז דער נאַכטיגאַל געקומען
מיט'ן פריהלינג „איהם" בעגריסען...
אין די אויגען — — גלעטענד שטעכען
טיעף, צוויי סאַמעטענע שפּיזען...

צוויי העל־רייגע שעהנע וועלטען,
שפּיעגלען זיך אין זיי'רע פלאַמען...
ווען זי טהוט א קעהר די בליקען —
קעהרען בערג זיך, טהאָלען, ים'ען...

---

זי שפּאַצירט אַרום אין שעהנע,
העל־בעשטראַהלטע גערטנער, גאַסען,
קומט צום שניידער, קלייבט אויס שעהנסטע,
נייט'סטע מאָדעס — ווארט צום פּאַסען...

און אַזוי מיט נייע מאָדעס —
יעדען שעהנסטען טאָג פון חודש...
„זיין" פערליעבטעם הארץ ערוואַרט זי —
אָך, ס'פערמאָגט פאַר איהר פיעל סודות — — —

און ערוואַרטענדיג „זיין" שעהנע,
זעהט ער, ס'האָט פאַרביי זיין פענסטער
זיך א פריהלינג־טאָג צוגאָסען,
העל פון הימעל א געבענשטער...

www.libtool.com.cn

און עס בעט זיין הארץ ביים פריהלינג,
דורך פערבענקטע פריהלינג־ליעדער:
„פריהלינג־שטראהלען! ברענגט מיין ליעבסטע,
מיט אַ פריהלינג־מאָדע ווידער!...“

---

פלוצלינג קומט זי, שטראהלענד־פרעהליך
האָט זיין קאָפּ אַרומגענומען,
צאַרט אין איהרע ווייסע אָרעמס,
און בעקראַנצט מיט פריהלינג־בלומען:

„זאָג, ווער ביזטו, שטאָלצער זינגער?
ווער האָט דיך אָט דאָ געפאַנגען?...
ווער, זאָג, שאַפט אין דיר די ליעדער,
דיינע הארציגע געזאַנגען? — “

„ — מיך געפאַנגען האָט דער שיקזאַל,
צו געשמידט צו דער מאַשינע...
מיינע ליעדער שאַפט דיין שעהנקייט,
און גאָט'ס פריהלינג־וועלט די גרינע...

און מיין בענקשאַפט נאָך דיין ליעבע,
שאַפט אין הארץ ביי מיר, דעם זינגער...
מיינע ליעדער שרייבט די נאָדעל,
מיט דאָס בלוט פון מיינע פינגער....“

www.libtool.com.cn

# אויס ,,ליעבע,,

(פון דער סעריע „פאַטער און קינד")

יא, פאַפּאַ, די רויז זאָגט: „שטאַרבט ניט אין הערבסט־צײט,
נאָר ס'קושט זי אָרוים איהר נשמה דער װינטער ?" —
— יא, קינד מײנס, אויס „ליעבע"... אַ פריהלינג װעט קומען,
אַ נײער מיט בלומען, נאָך פרישער, געזינטער...

און פאַפּאַ, דאָס אויך איז אויס „ליעבע" װען מ'האַקט אויס
פון װאַלד דאָרט די בוימער? — מען פליקט אויס די בלומען ? —
— יא, קינד מײנס, אויס־„ליעבע" — : דער פריץ האָט געלד ליעבע,
האָט לאַנג שוין פאַר זיי אַ מיליאָן אָבגענומען !...

און, פאַפּאַ,זאָגסט : פויגעלעך בענקען צום הימעל..."
װאָרום זיצט דער פויגעל אין שטײגעל געפאַנגען ? —
— יא, קינד מײנס, אויס־„ליעבע" : זײן הארר ליעבט די טרעלען, —
די טרויעריג־צערטליכע פויגעל־געזאַנגען...

יא, פאַפּאַ, יהודית, דאָס איז זי משוגע,
װאָס מ'האָט זי אין האָספּיטאָל דאָרטען פערשלאָסען ? —
— יא, קינד מײנס, אויס „ליעבע" : איהר חתן האָט געלד ליעבע,
שוין לאַנג פאַר אַ רײכער געװאָרען אַ חתן...

מײן פאַפּאַ, פאַר װאָס : — אָט װאָס שרײבען די בלעטער — :
ט'מען אידישע קינדער צעריסען אויף צװײען ?...
— יא, קינד מײנס, אויס „ליעבע" ! — : די „ליעבע" פון כריסטוס,
זיי װילען מיט אידישעס בלוט איהר פערזײהען — — —

און, פאַפּאַ, פאַר װאָס האָט מען היינט אונזער שכן,
פערשיקט אויף מלחמה ? יא, דו מוזט דאָך װיסען :
דען יעדען טאָג װײנט זי, די שכנה ; װאָס װײנט זי ?
װאָס װײנען די קינדער ? — מען װעט איהם דאָרט שיסען ? —

אַך,קינד מײנס, מען טאָר נישט! גענוג שוין מיט פראַגען,
מען קען אונז נאָך אויך װי דעם פויגעל פערשפּאַרען ;
דאָס אויך מחמת „ליעבע", ס'הײסט „פאַטערלאַנד־ליעבע" !...
און מיר װעל'ן װי בלומען אין הערבסט נאָך פערדאַרען — — —

www.libtool.com.cn

# אייזערנע ליעדער

## 1

כ׳וועל ווערען אַ שמיעד פון האַרט־אייזערנע ליעדער,
אין יעטווידער שורה וועט שטעקען אַ שווערד.
בעוואָפ׳נען מיט זיי מיינע אָרימע ברידער,
די, וועלכע איתָר האָט צו זיין שקלאַפּען בעשערט...

און אויסשמיעדען וועל איך פון פרייע געדאַנקען
אַ גיהנום׳דיג־אייזערנע ברענענדע רוט,
וואָס זי וועט אויף דער וועלט נאָר שמייסען דעם „קראַנקען״
פון אויסטרינקען צו פיעל דעם אָרימענס בלוט...

און אויסשמיעדען וועל איך פיעל פערזען פון אייזען,
וואָס לעגען אויף אייזערנע הערצער זיך שווער,
און אייזערנע פינגער, וואָס וועלען „בעווייזען״
אייך, רויבער, צו רויבען דעם אָרימענס טרעהר! — — —

www.libtool.com.cn

## 2

יא ,הערשער־מאַכט ; איך ווייס : מיין ליעד, —
מיין פריוהייטס־ליעד וואויל קלינגט דיר ניט :
ווייל איינגעשמידט וואָס איך האָב דאָרט
אַ זונען־שטראַהל אין צייל און וואָרט,
דאָס שיינט דיר ווי אַ בלאַנקעס שווערד

ווען כ'זינג פון שעהנעם מאַי און יון,
ווען מיך צום לעבען רופט די זון,
איז מיין געזאַנג — דיין אונטערגאַנג,
דאָס קלינגט פאַר דיר, ווי שווערדען־קלאַנג.
וואו ס'ווערט דיין גאָלד'נער גאָט צושטערט...

ניין ! — כ'מאַך נישט מעהר דיין לעבען זיס ; —
דו, צאָהלסט פאַר גוטס דיין שלאַנגען־ביס !...
איך גיס דיר סם אינ'ם זיסען וויין ; —
דו, סם'סט מיין ברויט און רעדסט מיך איין :
ס'איז מיר אַזוי פון גאָט בעשערט...

רייצסט אָן אויף מיר דיין זאַטען הונד,
דערנאָך בעזאַלצסטו נאָך מיין וואונד,
און ווי אַ וואָרים אויף אַ בלום,
דיין געלד־גייסט אויף מיין גייסט קריכט אום,
מיך צו ערניעדריגען ביז דר'ערד.

אויב גראָשען־ליעבע, שטאַרקער ווייז,
נאָך וויניג־זיס, דיך שלעפערט'ס איין ? — :
נו, דאַן פערשלעפערט דיך מיין ליעד ! — :
דו ליעבסט דאָך קונסט ? — כ'האָב דאָרט געשמיעדט
פאַר דיר אַ קינסטליך, שאַרפעס שווערד...

www.libtool.com.cn

## ערשטער מאי געזאנג

עס האָט די פריהלינג־זון בעקעמפפט
דעם שניי מיט שטראַלען־שפּיעז און שווערד,
און פרייש און נייו, און לעב'דיג פריי
געוואָרען איז די טויטע ערד.

עס האָט דער וואַלד, פער'חלום'ט נאָך,
פון ווינטער־שלאָף די וועלט ערבליקט,
האָט איהם די זון אַ פריהלינג־טרוים, —
אַ גאָלד'נעם פריהלינג־קוש געשיקט...

עס פליהט אַ ווינד אַריין אין וואַלד,
פערפיהרט מיט איהם אַ שטיפעריי;
און בוואַליענדיג זיך לויפט דער וואַלד
מיט לויב־געזאַנג צום קעניג־מאַי...

הויך, גרויס געוואָרען איז דער טייך,
ער ווייזט דער וועלט, אַז ער איז פריי...
די וואַלען זינגען פלום־פלום־פלום, —
אַ פרייהייטס־ליעד צום קעניג מאַי...

די נאַכט קומט אָן מיט שטערען שעהן,
וואָס שושקען זיך אין הימעל טיעף;
אַ ווינטעל ברענגט דער בלום דעם סוד.
די בלום פערטרויט'ס צום גראָז: „שיפּ־שיף!" — —

www.libtool.com.cn

דער מאָרגען קומט מיט פויגעל־כאָר,
אויף צווייגען שפּרינגען פויגעל פריי,
און ברענגען מיט אַ הימעל־־גרוס
דורך טרעלען־זיס, צום קעניג־מאַי...

דאָס גריל אין גראָז — עס זעהט זיך קוים —
„ליגט איין" די וועלט — מיט הודזשעריי...
שאַ... שטיל... רעספּעקט! — דאָס גראָז־גריל זינגט'ס
אַ ליבּ־געזאַנג צום קעניג מאַי — — —

עס האָט די זון אַריינגעשטראַהלט
אין ווערקשאַפּט צו דעם שקלאַפּען־קינד: —
„... אַרויס אין גאַס! ס'איז יום טוב היינט!
פערשוועכען יום טוב איז אַ זינד!..."

„צום טיש נאַטור דיך איינצולאַד'ן
האָט מיך געשיקט דער קעניג מאַי...
און פאָלגסטו נישט מיין האַרר'ס געבאָט, —
ביסטו בעשטראָפט מיט שקלאַפעריי! — — — "

און ס'האָט דאָס שטיף־קינד פון דער וועלט, —
דער טויזענד־קעפּיג־שטאַרקער ריעז,
זיין מאַכט בעוויזען פאַר דער וועלט,
ווי פרייהייטס־וויליג גרויס ער איז!

עס האָט זיין שטים פערטויבט דער וועלט:
„זאָל רוהען היינט די שקלאַפעריי!..."
אַן עכאָ אויף זיין פרייהייטס־ליעד ס
האָט אַפּלאָדירט פון וואַלד דער מאַי. — — —

www.libtool.com.cn

# פרייע ים׳ען

(נאָך די נביאים)

.א

איהר הערשער דאָרט ביים טיש דעם גרינעם,
וואָס איהר׳ט פערוויסטעט שטעדט און לענדער,
דורך אייער פוסטער מאַכט פון פארבען
וואָס שרייט פון אייערע שליפעס־בענדער...

איהר פאָרשטעהער פון שקלאַפען־סטאַדעס,
איהר שטעדט און דערפער אונטערצינדער!
איהר מיינט גאָט׳ס וועלט איז אויך אַ שלאַכט־הויז
צום אויסשלאַכטען גאָט׳ס יונגע קינדער!

איהר פיהלט דער טויט שטעהט אייך צוקאָפענס,
צופוילט אין אייך איז יעדער אבר —
ווילט איהר די לעבענס־פולע יוגענד
זיך מיטנעהמען אין שוואַרצען קבר!

אָה, וועה צו אייך! פאַר אַלטקייט בלינדע!
מיט הערצער אַלט און קאַלט פערשטיינטע; —
איהר זעהט ניט די מיליאָנען מאַמעס! —
אלמנות, כלות, בלאַס, פערוויינטע...

אָה וועה צו אייך! פאַר אַלטקייט טויבע!
איהר הערט ניט די יתומים שרייען!
כ׳וואָלט אייך מיט איי׳רע גאָלד׳נע שליפעס
מיט׳ן גאַל פון גאָר דער וועלט פערשפייען! — — —

www.libtool.com.cn

ב.

איהר הערשער אין די גאָלד'נע שליפעס,
איהר אויסטויטשער פון „פרייע ים'ען". —
גרייט אָן, גרייט אָן צעהן טויזענד קרוזערס,
דעם ים, די כוואַליעס צו פערצאַמען!
ס'וועט הייסען „פרייהייט פון די ים'ען"...

צעהן טויזענדער קאַנאָנען־בייכער —
איך הער זיי קראַכען פאַר געלעכטער:
„— — קראַכ־כאַכאַ! — כאַ כאַ! ! — — פרייע ים'ען!
און מיר, זיינען די „פרייהייטס־וועכטער!"
אָ! טייוועלס בלוטיגער געלעכטער: — "
„די שוואַכע שעפס וועט בלייבען שולדיג!
„דער וואָלף וועט בלייבען דער גערעכטער!...
„דעם ים קען קיינער ניט פערצאַמען,
„ווי אייך איהר מענשען־זיהן־און־טעכטער —
„צוטהוילט אין לעמער און אין שעכטער..."

אָ שנעלער! שנעל! איהר אַלטע פיהרער! —
בעפאָר איהר שטאַרבט קענט איהר פערזאַמען
גרייט אָן, גרייט אָן מיליאָנען דרעדנאָוטס,
דעם ים, — די כוואַליעס צו פערצאַמען! —
בעפאָר איהר שטאַרבט קענט איהר פערזאַמען — — —

www.libtool.com.cn

## אַ! גרייט זיך! גרייט זיך!

ג.

אַ! גרייט זיך! גרייט זיך צו פערוויסטען,
די שעהנע וועלט אין גיהנום־פלאַמען!...
די וועלט מיט ברודער־האַס פערסם'ען
און מיט קאַנאָנענדיגע טויטלען
אונז אויס־פּשט'לען די פרייע ים'ען —
ביז וואַנ' מ'וועט אייך פון אונז אויסראַמען!...

ביז אָט די שטילע „שעפּסען־סטאַדעס"
וועל'ן אָנפאַנגען אין זיך צו גלויבען,
זיי וועלען זיך פון שטויב אויפהויבען —
און מיט אַ צאָרענדיגען ברילען
ווי ווילד־צורייצטע שטאָלצע לייבען,
וועל'ן אייך, פון זיך, ווי שטויב אָבשטויבען!...

מיט גיפט אויף זיי'רע ציינער און נעגעל
וועל'ן זיי אַרויס מיט קינדער, ווייבער,
אַנטקעגען אייך, איהר שקלאַפען־טרייבער!
און אָבשאָקלען וועל'ן זיי מיט עקעל,
אייך פאַלשע רעדנער, פאַלשע שרייבער,
ווי אומפלייט, וואָס פרעסען זיי'רע לייבער!...

ווען אייער אָר'מער ברודער בלוטעט,
בעמערקט איהר כלומר'שט נישט זיין וועהטאָג!
אַבי נאָר איהר לעבט זיך אין וואוילטאָג!
איהר'ט אָנגעטהאָן זיין האַלז אַ מילשטיין —
אַ לאַנגע קייט פון מאָנטאג'ס — פאַסט־טעג...
און איהר לעבט זיך אין זונטאג'ס — פעסט־טעג!...

www.libtool.com.cn

אָ, וועה וועט זיין צו אייך, איהר פאַלשע!
דער גבור וועט זיין קראַפט אָבשעצען,
וועט אייך פון זיך אַרונטערזעצען,
וועט געבען אַ טהו־אוים דעם מילשטיין —
און אייך, מיט איי׳רע פאַלשע געצען,
מיט אָט דעם מילשטיין שווער צוקוועטשען !...

אָ, היט זיך, הערשער־מאַכט ! אָ, היט זיך!
געפיהרט פון קעניג „הונגער" געהען
די „נאַקעט־באָרוויסע" אַרמעען!...
זיי כוואַליען זיך, ווי פרייע ים׳ען,
געשלאָסענע אין פעסטע רייהען,
דורך וועגען — רעגען, פרעסט און שנייען!...

* *

## דעם אָרעמענס פּאָעט

הו־האַ !... הו־האַ! — — —
וואָס שטערט דעם חלום פון די וועלדער?
ווער וועקט דעם טרוים פון פריהלינג־נאַכט ? —
— דאָס רייטען שפּיאָנען און זשאַנדאַרען,
צום שלאַכט מיט יענער שוואַרצער מאַכט...

דאָס פיהרען זיי יעצט צו דער תליה,
צום וואַלד, פון פינסטערען קאַזמעט,
דעם אַלטען אייביג־יונגען קעמפּפער,
דעם אָרעמענס רעדנער און פּאָעט...

הו־האַ!... הו־האַ! — — —
ווער שטערט פון שלאָף, די שטילע וועלדער ?
ווער וועקט דעם טרוים פון ווינטער־נאַכט ? —
דאָס רייטען אָר׳מע אויף די וועגען,
די דינער פון דער שוואַרצער מאַכט... — — — —

זיי יאָגען זיך מיט שטאָלץ און אימפּעט —
פון פריץ׳ס שטאַל די בעסטע פערד!...
אַ וואָלקען שטויב עס פייפט די לופט אַזש!...
עס ציטערט אַזש דעם פריץ׳ס ערד...

www.libtool.com.cn

## זיי פארשטעלען

אָ, גאָט! ווי שעהן עס איז דיין וועלט —
עס שיינט אויף איהר אַ זון מיט שטראַהלען;
אין שטראַהלען טובל'ט זיך די בלום,
די שטראַהלען — טובל'ען זיך אין קוואַלען...

דאָך צום בעוואונד'רען דיין בעשאַף —
אָ, גרויסער שעפער, שטראַהלען־רייכער! —
האָסטו געשאַפט צו קליין די קעפּ
און אַזוי גרויס און גראָב די בייכער...

און טאָמער וויל אַ מאָל אַ קאָפּ
בעוואונדערען אַ שטראַהל אַ העלען,
אונמעגליך! אָ, דו גרויסער גאָט!
די גרויסע בייכער זיי פערשטעלען!...

## שווער האָט גאָט געשטראָפט אייך.

יא, שווער האָט גאָט בעשטראָפט אייך נעבעך, —
איהר זאָלט קיין שעהנקייט, שטאָלץ פערמאָגען,
דערפאַר איז יענעמס שטאָלץ און שעהנקייט,
אייך נעבעך שווערליך צו פאַרטראָגען...

איהר ליידט נעבעך! — : דורך זיינע אויגען
שטראַהלט העל אַרויס זיין שטאָלץ גוט האַרץ... —
דעם קראָאט — איהם שטעכען אויך די שטראַהלען...
נו, מאָלט ער זיך — : די זון איז שוואַרץ!...

www.libtool.com.cn

## אין קעלער־שטוב

איהר זאָטע הערען, קומט אַרונטער
צו די עלענדע אין נעסט,
מען וועט אייך צונעהמען מיט „כיבוד"
ווי עס פּאַסט פּאַר שעהנע געסט...

איהר זאַטע דאַמען, קומט אַרונטער,
צוועלף טרעפּלעך. שוין: איהר זענט אין גרוב... —
בלויז ווער עס קען מיט בלוט זיך וויצלען,
דער וועט עס אפשר רופען „שטוב"...

אַ סימן האָט איהר, סאיז אַ שטוב: —
עס איז דאָ רויכיג, טשאַדנע, קאַלט...
קינדער קוויטשערס זינגען: „ברויט גיב!"
אַלע אין איין כאָר צוזאַמען; —
שרייט די מאַמע: גאָט, דעם טויט גיב!
האָב רחמנות, טאַטע, גוואַלד!..."
קינדערס בעטען, מאַמעס ענטפער,
בלוטיג פלעכטען זיך אין גראַמען — — — —

ווי משוגע איז די מאַמע,
שטענדיג אומעטיג, פאַרטראַכט:
„...זיין אַ מאַמע: וואַשען, קאָכען,
זיין אַ טאַטע: ברויט פערדיענען, —
אַ לאַנגע קייט פון שוואַרצע וואָכען...
זויגען, וויעגען, טאָג און נאַכט...
ביז מען וועט איהר דאָ אין „קבר"
אַן אויסגעגאַנגענע געפינען...

www.libtool.com.cn

זי באָדט דאָס שרייעדיגע קליינטשיקס,
נאָך העכער שרייט אַ פליעג אין ווינקעל, —
אין דעם שפּינוועבס ביי דעם שפּין...
פּלוצלונג הערט זיך קינדערס קולות:
„ס'האָט די קאַץ די פיש געפרעסען!"
„יענקעל האָט געכאַפּט פון ביילעם!..." —
לאָזט זי ס'קינד און לויפט אַהין; —
ווער דער מאַמען — זי'ט אין מולטער
ס'קינד דאָס פּיצעלע, פערגעסען! — — —

הונגער, עלענד, קראַנקהייט, דלות, —
זיינען זיי'רע בעסטע פריינד...
ס'גיט קאָנצערט דער ווינד אין קוימען:
יאָמערט הינטיש, פייפט און ליאַרעמט
ס'האָט די זון מיט ראָזע טרוימען
קיינמאָל דאָרט אין שויב געשיינט,
גאַטס שטיפקינדער, אין קאַלטען קעלער,
קיינמאָל מיט קיין שטראַהל געוואַרימט... — — —

www.libtool.com.cn

## פרעמד

פרעמד בין איך דיר, ברודער־שטאָט־מאַן,
ווי צוויי אָבגעפרעמדטע ברידער! —
מיר איז פרעמד דיין ווילדער טומעל...
ווי צוויי אָבגעפרעמדטע ברידער! —
מיר איז פרעמד דיין ווילדער טומעל, —
דיר איז פרעמד מיין זינגען ליעדער...

קענסט מיין זינגען נישט דערהערען ; —
ס'קען מיין ליעד נישט איבערשרייען,
דיינע מענשען־פערד־און־וועגען... —
ס'קען מיין ליעד נישט איבערשרייען
דיינע מענשען־פערד־און־וועגען,
דיינע שטאָדט־באַהנען, טראַמווייען...

כ'בלאָנדזשע אום אויף דיינע גאַסען,
צווישען מוי'רען, שרעקליך הויכע,
וואו עס זשומען פליעגען־מענשלעך... —
צווישען מוי'רען, שרעקליך הויכע,
וואו עס זשומען פליעגען־מענשלעך
פעטע, רויטע, דאַרע, בלייכע...

און מען פלאָנטערט זיך, מען שטויסט זיך
מיט די שאַרפע עלענבויגען,
ווי א שוואַרצער קנויל פון ווערים ; —
מיט די שאַרפע עלענבויגען,
ווי א שוואַרצער קנויל פון ווערים —
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען!...

וואָס־זשע פּלאָנטער איך זיך דאָרערט
צווישען מענשען, פערד, א פרעמדער? —
— ווענדע איך מיין בליק צום הימעל.
צווישען מענשען, פערד, א פרעמדער —
הויב איך אויף מיין בליק צום הימעל
איז — פארשטעלט מיט קאַפּטלעך, העמדער...

www.libtool.com.cn

## אין סדום־לאנד

אַ, גאָט! פאַר וועמעס זינד האָסטו מיך פערשטויסען
אהער, אין אייזען־האַרטען סדום־לאַנד דאָ?
איך בין וו'אַ ליכט וואָס פרעסען אויף די שאָטענס...
אין האַרץ האָט זיך בעזעצט אַ שוואַרצע קראָה
און מאַכט מיין לאָקען־קאָפּ פריציייטיג גראָה...

פאַרלאָשען ווערט די זון אין מיינע אויגען
וואָס האָט פון יוגענד־־האַרץ ארויסגעשטראַלט —
מיין האַרץ — דער קוואַל פון ליעבע און רחמנות —
האָבען דיינע סדום־לייט, האַרצלאָז, קאַלט —
מיט גאַל, פון גאָר דעם סדום־לאַנד מיך פאַרגאַלט! — — —

## איך האב געהאפט

איך האָב געהאָפט איך וועל נאָך ווען געפינען „איהר"
אַ אידיש, כשר קינד, אַ שטילע טויב איז „זי",
איך וועל מיין גליק, מיין לעבען אויסבעטלען ביי „איהר",
פאַלענדיג פאַר „איהר" שטיל, צטיריג אויף די קניה —
אַ אידיש כשר קינד איז „זי"...

און „זי" וועט טריי, זיך איינבויגען, ווייך־מוטערליך,
מיך אויפהויבען און אויסקושען פון אויג מיין טרעהר — — —
אַ, ניין! „זי" וועט מיך איבערפאָהרען מיט איהר אַטאָמאָביל!...
נעבען איהר אַ פעטער, איבערזעטיגטער,
וועט „ער" פויל בראָפּען — בראָפּען שווער — — —

www.libtool.com.cn

## צו שטיל פאַר'ן האַנדעל

דו הענדלער, וואָס דו האָסט די וועלט אונז
פערוואַנדעלט אין אַ שלעכטען מאַרק, —
דײן חנפ׳ען זיך צום חנפ׳וסניק
דריקט אויף מײן האַרצען, ווי אַ באַרג...

צו הויך שרײסטו אַרויס די שבועות:
אַז גאָלד פאַרקויפסט אונז ביליג — שטויב...
נישט דו קענסט מײן געזאַנג דערהערען —
דער קלאַנג פון קופּער, מאַכט דיך טויב...

פאַר מײנע האַרציגע געזאַנגען,
פערשלאָסען בלײבט דײן יעדע טהיר,
צו שטיל בעשײדען פאַר דעם האַנדעל — —
קלאָגט שטיל מײן ליעד אין האַרץ בײ מיר...

עס איז אַזוי געדיכט דער וואַלד, אַזש —
עס זעהט קײן בוים זיך ניט אַרויס... —
עס קען מײן האַרץ צו הויך ניט קלאָגען, —
עס איז דער וועהטאָג דאָרט צו גרויס...

דאָס שטומע שטורמען פון מײן האַרצען,
צום שטורעמדיגען ים איז גלײך:
ווײל יעדענס וועה ציהט צו מײן האַרץ זיך,
ווי ס'ציהט צום ים זיך יעדער טײך — — —

www.libtool.com.cn

# שטיין און אייזען

.1

פערשלאָסען שוין, פעררינעלט פעסט די טיר'רען,
פון שטיין־און־אייזען ריעזיגע פאַבריקען, —
צעהן טויזענד איבעריג געבליבען אויסען,
זיי פלאָנטערען זיך אום מיט טעמפע בליקען...

עס לויפען ווי טייוואָלים שנעל פארביי טראַמווייען,
געל־גרינע, רויטע, — רייצען זיך און קלינגען:
„ס'האָט די פאַבריק, די גוטע־שלעכטע חיה,
אייך אונגליקליכע בישט געקענט פערשלינגען...

ווי שאָטענס וואַקלען זיך אַרום צוויי פרויען, —
ווי משוגעים ווילד־געפאַרבט און ווינקען,
די ערשטע שעלט און שפייט, די צווייטע לאַכט ווילד,
אוןביידע פון איין געלען פלעשעל טרינקען...

און ווייטער דאָרט: ווי צוגעקלאַפט צום מויער, —
שטעהט איינער ווי אַ מת און קוקט — אויף גאָרנישט...
עס רינט פון דאַך אויף איהם דער קאַלטער רעגען,
עס רינט — זאָל רינען — רינען — ווידער גאָרנישט!

דאָרט ווייטער: געהען דריי אַרום פון שענקעל, —
ביי איינעם קוקען פון די שיך די פיאַטעס,
דעם צווייטענס לייב קוקט געלב אַרויס פון רעקעל,
ביים דריטען שוין צופליקט די לאַטעס אויף די לאַטעס...

קומט וואַקלענדיג זיי איינער אָן אַנטקעגען,
צוקלאַפט מיט זייערען, — זיין הארטען שטערען;
פאַלט איינער — וויל איהם אויפהויבען אַ צווייטער,
דער דריטער לאַכט, דער פיערטער גיסט מיט טרעהרען...

אַט ליגען זיי שוין אין דער בלאָטע אַלע — —
עס צאַפּעלט זיך אַ שווערער קנויל פון ווערים! — — —
און דאָרט אַ „רעדעל" — הו־הו!! — „עמיצען" האָט „עמיץ"
פאַר „ווייס־איך־וואָס" — צושניטען די געדערים!"

דערביי ליגט איינער, קוקט אַרויף צום הימעל,
מיט אַ פערלאָשען בליק, אַ תם'עוואַטען,
די צייחן פערקריצט, קלאַפט מיט'ן פויסט אין בלאָטע,
און שעלט די וועלט און גאָט און טאַטענס טאַטען! — — —

www.libtool.com.cn

.2

עס קלינגט דער וואַנד־גלאָק פון טורם. —
ער האָט זיך אויף דעם מענש דערבאַרימט;
און מיט דעם קלאַנג פון רוהע־שטונדע,
דאָס האַרץ פון אייזען־שטאָדט אומאַרעמט...

דער מערב צינדט דעם ים אָן העל־רויט,
און שיקט די לעצטע זונען־שטראַהלען,
זיי זאָלען ווי מיט גאָלד'נע שפּיזען,
דער שטיין־און־אייזען־שטאָדט בעפאַלען...

בעגאָלדען זיי, די וואָלקען־קראַצער,
בעגאָלדען זיי, די ווענד פון מויערן,
פערפלאַנטערען זיך מיט גאָלד'נע שילדען,
מיט שויבלעך, פענסטער, טהירען, טויערן...

אָט צינדט זיך אָן אויף טויזענד פענסטער,
אַ ים מיט שטראַהלענדיגע זונען...
נאָר באַלד שפּריט פליגלען גראָה דער אָווענד,
און ס'ווערט דער זונען־ים צערונען...

אָט טראָגט זיך דורך אַ טעמפּער זשומען, —
ווי ס'קעמפּפט מיט ווינד אַ וואַלד מיט צווייגען...
נאָר פּלוצלונג גאָר, ווי טויזענד לייבען,
אין וואַלד — צו ערגעץ וואו אין שטייגען; —

צולאָזען זיך פאַבריקען־קוימענס,
מיט ווילדען רעווען, ברילען, פּרייכען, —
און ס'נעהמען די פאַבריקען שפּייען,
מיט מענשען־ים'ען, מענשען־טייכען. — — — —

www.libtool.com.cn

.3

שוין ליגט דער שווערער טאָג געפאַנגען,
ביים ים דאָרט אונטען אַ בעזיעגטער.
זיין באַהנען־און־פאַבריקען לעצטער ברומען
קומט ווי פון ערגעץ אַ פערשטיקטער...

זאָגט אָן און טויזענד שווערע הערצער,
פון ליעבע־נאַכט און רוה די בשורה.
און ס'ציהט זיך, ס'ציהט זיך, לענגער, ברייטער,
די פאַרבען־רייכע מענשען־שורה...

עס כוואַליעט זיך ווי קאָרן־פעלדער,
דער מענשען־ים, די אַרבייטס־מאַסען,
און גיסען זיך, ווי טייכלעך, טייכען,
אַריין, אַריין, אין געסלעך, גאַסען...

www.libtool.com.cn

## דער וועלט־יתום

ווי אַ שטיף־מוטער איהר שטיף־קינד,
בעהאַנדעלט מיך גאָטס שעהנע וועלט:
שמייכעלט ליעב צו אייך מיט שטראַהלען...
פאַר מיר נאָר שטעכט זי — שטעכט און שעלט ! — — — —

דערפאַר ווען כ׳זעה אין הערבסט דעם הימעל
פערטרויערט, וועהט אויף אייך מיט קעלט —
קוק איך טייוויליש צו פון וויטענס;
מיין האַרץ — עס וואַקסט אין מיר — עס קוועלט...

עס לויכטען, ס׳בליצען העל אויף מיינע אויגען
מיט גרינליך־פיינדליכע נקמה־פלאַמען:
„ווי מייז אין נאָרעס וועט איהר זיך בעהאַלטען...
צוליעב דעם רעגען איינמאָל ס׳גליק פערזאַמען ! — — — —

און ס׳הויבען מיך די פיס: — אין לוזשעס טאַנצען ! ! — :
„ווי איך יתומים אַלע, אָהן אַ מאַמען !" — — — —
איך טאַנץ, עס איז מיר הוימליכער צו טרוי׳רען,
ווען ס׳קלאָגט די גאַנצע וועלט מיט מיר צוזאַמען!

* * *

איך שטייג אַרויף הויך אויפ׳ן שלאָס־באַרג,
כ׳בעגרים מיין צווילינג־ברודער: „שטורעם"
מיט זענען קעניג „הערבסט׳ס" צוויי פּרינצען,
סט׳ אונז גאָט געשאַפען אין איין פורעם.

אָט מיט דעמזעלבען איין פערלאַנגען
זיך אין דער וועלט פריי אומצויאָגען
פון אַלץ, וואָס פויל איז, מאַכען חורבן,
און אויף דעם וועלט־חורבן צו קלאָגען...

www.libtool.com.cn

# רבונו של עולם

.1

רבונו של עולם, פאַר וואָס ס'טו געשאַפען
פאַר מיר נאָר דיין וועלט אַזוי ביטער און שוואַרץ —
פאַר אַלעמען לויכטען לבנה־זון־שטערען,
מיך, שטעכען פאַר עלענד די שטראַהלען אין האַרץ...

שפּרייט אוים פאַר מיר כמאַרעס, דען שטראַלען פאַר מיר, איז
ווי שפּיעלען אַ „האַפּקע" אין הויז פון אַ אבל...
האַ־האַ! צו פיעל לוסט האָט מיין האַרץ — איז מיין לעבען
אָהן בלעטער אַ בוך פון בלויז האַרטע צוויי טאָוועל! — — —

עס האָט מיך מיין מזל דער האַרטער געטראָפען
אַזוי ווי אין מח אַ שווערע דובינע,
נו, געה איך אָהן ציעל דאָ, מיין קאָפּ שטיל געבויגען,
אָט, לאָמיך נישט זעהן: — „מען בעטראַכט מיין רואינע"...

.2

רבונו של עולם! פאַר וואָס 'סטו מיין זעלע,
אַלס שפּיעלכעל צום טייוועלשען ווילען געמאַכט?
און ער „אויף טשיקאַוועס" וויל זעהן, ווי איך בראָט זיך
ער שטשערעט די שד'אישע צייהנער און לאַכט...

איך בין דאָ אַ טויב אין די הענד פון אַ שייגעץ —
אַ גזלן! — : ברעכט האַרצלאָז די פליעגעל איהר אָב,
און קייכט פאַר געלעכטער: „וויל פליהען צום הימעל,
צובלוטיגט זי זיך אָן די שטיינער דעם קאָפּ!" — — —

www.libtool.com.cn

.3

רבונו של עולם, צי בין איך געבאָרען
צו שפּעט — ווי די הערבסטיע עלענדע בלום —
וואָס ווערט נישט געצערטעלט פון וואַרימע שטראַהלען,
נאָר ווינדען און נעבעל זיי ארמען איהר אום?

און אפשר גאָר בין איך נאָך צו פריה געבאָרען? —
ווי ס'בלימעל, וואָס איידער דער פריהלינג קומט אָן
און איידער ס'דערזעהט נאָך דעם זוניגען הימעל,
טהוט שוין עס אַ פרעסטעל תכריכים'לעך אָן? —

אַלץ אייגס: צי איך בין ווי דאָס בלימעל — דאָס הערבסט־קינד,
אָדער ווי די, וואָס גלאָצט אויגלעך פון שניי, —
אַלץ אייגס; נו! מיין מזל איז פינסטער ווי ביידענס,
פאַר עלענד פערוועלק איך ווי איינער פון זיי — — — —

www.libtool.com.cn

# מיין תפלה

די לייט, וואָס וועלען מיין תפלה הערען
זיי וועלען זיך אודאי פרעגען:
„צי האָט ער אַ פאַבריק פון שורעמס?
דען — נאָר ער בעט: „ס'זאָל גיסען רעגען!" — — —

און אפשר האָט ער נעבעך מורא,
עס וועלען אויסטריק'נען די ים'ען —
און ס'קענען זיינע גאָלד'נע שיפען
צום גרויסען וועלט־מאַרק זיך פערזאַמען? —

און אפשר ט'איהם פערלאָזט זיין מיידעל?!" —
וועט איינער פאַר געלעכטער קייכען —
ער איז געוווים פון יענע „גבּרים",
פון וועמען שעהנע מיידלעך וויכען?

און אָנשטאָט ליעבע — איז זיין האַרץ איהם
פול אויסגעשלאָגען מיט געשווירען...
צו זעהן ווי לייט אין גאָלד'נע זון־טעג
אין פאַרק מיט ווייב און קינד שפּאַצירען,

און אפשר — גאָט וויים! ווער קען וויסען
וועמען ס'דריקט דער האַרטער שטיוועל? — :
פיליייכט האָט איינס פון זיינע ווייבער
איהם צוגעשיקט אַ נאַריש בריוועל? —

כ'וועל אויסהערען די אַלע ווערטלעך,
איך וועל אַ זיפץ אין האַרץ דערשטיקען: —
„יא! אמת! אמת! בראַוואָ! בראַוואָ!"
וועל איך אַקטיאָריש־פאַלש די הענד זיי דריקען — — — —

www.libtool.com.cn

# אינהאַלט:


## I

זייט

אין צייט פון „בלעטער־פאַלען" 6
די שטאָדט — 7
אַ זוניגע — 7
סערענאַדע — 8
זומער נאַכט — 9
„שטערן־שטיפערל" — 10
ביים אייוועלע — 11
דו ביזט די — 12
מיין שטיפער׳ן — 13
ריין ווי.. — 14
מיין שטעדטעל — 15
אויף דיין פענסטער — 16
מיין וואונדיג האַרץ — 16
אַ קוואַל — 17
אַ דאַנק — 17
די אָדלער אויגיגע — 18
מיין האַרץ און דער ים — 18
וואו ביסטו ? — 19
פון אַן אַנדער וועלט — 21
סערענאַדע — 22
ווינטער — 24
אין הערבסט — 26
איך וויים... — 27

## II

שטורעם־ליעדער — 29
ערב־פריהלינג — 31
איך ליעב... — 33
שניטער־ליעדער — 37
הערבסט־שעהנקייט — 39
הערבסט־ליעדער — 40
ים־ליעדער — 43
אַ שרפה — 47
פונ׳ם יריד — 48

## III

דער איכענבוים — 48
דער אָדלער — 49
*** — 51
דאָס פאַרשניטען וועלד׳ל — 52
דער קינסטלער — 54
דער מאָנומענט — 55

זייט

## IV

איהר האַרציגער שמייכעל — 57
דעם מילנער׳ס טאָכטער — 58
מרים — 61

## V

בריוועלעך — 68
אַ גרוס... — 71
בריוועלעך — 73
מיין מאַמע — 76

## VI

נאַכט־מאָטיווען — 78
אַ מיידעלע — 80
חאַ־חאַ ! די רויז וויל ווערען
אויסגעריסען — 82
דער אָדעסער טענצער׳ל — 83
תשעה־באָב ביי מיר — 85
מיין שעהנע מירעלע — 86

## VII

מזרח — 90
תשעה־באב — 93
גאָט שיצט מיין פאָלק — 96
צום נייעם יאָהר — 96
דעם זיידענס ברכה — 97
חנוכה־ליכטלעך — 98
שבועות — 99
קבלת־שבת — 100
ליכט־בענשען — 1ז1

## VIII

צווישען די מאַשינען — 103
אוים „ליעבע" — 105
אייזערנע ליעדער — 106
ערשטער מאַי געזאַנג — 108
פרייע ים׳ען — 110
אָ ! גרייט זיך ! — 112
דעם אָרעמענס פאָעט — 113
זיי פאַרשטעלען — 114
שווער האָט גאָט געשטראָפט אייך 114
אין קעלער שטוב — 115
אין סדום־לאַנד — 118
איך האָב געהאָפט — 118
צו שטיל פאַר׳ן האַנדעל — 119
פרעמד — 117
שטיין און אייזען — 120
דער וועלט־יתום — 123
רבונו־של־עולם — 124
מיין תפלה — 106

www.libtool.com.cn